YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv17i03

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 17 Issue 3
March 1935

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 17, Iss. 3)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/611

MAR 11 ...
N Y Pub Library
42 St & 5 Ave

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XVII. No. 3. **Jersey City, N. J., March, 1935** **Price 10 Cents**

שאָטענס

צום יאָהר-צייט פון די אומגעקומענע קעמפער פאר פרייהייט אין עסטרייך.

פון שרה רייזען.

אין צימער איז טונקעל,
קיין פייער עס ברענט.
עס קומען אָן שאָטענס —
איך האָב זיי דערקענט.

ווי שוועסטער און ברידער
איז יעדער מיר טייער.
איך וועל זיך נישט שרעקען
און צינד נישט קיין פייער.

אַ שאָטענס איהר ליבע,
איך וויל זיך דערוויסען,
ווי זייט איהר געקומען,
די קייטען צוריסען.

ווי זייט איהר געקומען,
ווער האָט אייך געשיקט?
דערהער איך אַ שטימע,
וואָס גלעט און ענטציקט.

— געזעסען אין פעסטונג
אין קייטען געשמידט.
און קליין איז די קאַמער,
אַ טריט אויף אַ טריט.

די פענסטער אין גראַטעס
פון אייזען געצאַמט.
אין הארצען די ליבע
צו פרייהייט זי פלאַמט.

אנטלאָפען, אנטלאָפען
צוריק, וואו די שלאַכט,
נאָר שטענדיק דעם טויער
דער שונא באַוואַכט.

די נאַכט איז געווען
אַ שוואַרצע, אָהן שטערען,
דער פיינט וועט נים זעהן,
דער פיינט וועט נישט הערען.

דער פיינט האָט דערהערט,
דער פיינט האָט דערהערט.
צעשניטען די פעדים
פון לעבען דר'ערד.

דער טויט איז געקומען
צו אונז אַלס באַפרייער.
נאָר מעהר פאר דאָס לעבען,
די פרייהייט איז טייער.

אַ, שאָטענס איהר ליבע,
דערצעהלט מער גענויער.
גלויבט, אייביק וועט לעבען
לעבען נאָך אייך אונזער טרויער.

און אייערע נעמען
מיר וועלען פארשרייבען,
און הייליג און טייער
איהר וועט אונז פארבלייבען.

דאַן הער איך עס בעטען
די אָפּפער געשטאַלטען,
אונזער צוואה,
די פרייהייט, הויך האַלטען.

אונזער ירושה,
פון פרייהייט די פאָן.
די שאָטענס פארשווינדען,
די ליכט צינד איך אָן.

די שאָטענס פארשווינדען,
אין הימעל זיי שוועבען.
נאָר זייערע נעמען,
זיי לעבען, זיין לעבען!

ניו יארק קלאוק־פרעסער נעמען אן ארבייטסלאזע־פלאן

וואס גרעסער און שטארקער אן ארבייטער ארגאניזאציע איז, לאז גרעסערע האפנונגען רופט זי ארויס ביי איהר מיטגלידערשאפט. וואס גרעסער און איינפלוסרייכער א יוניאן איז, אלץ גרעסערע פארערונגען און ערווארטונגען שטעלען איהר ארויס איהרע מיטגלידער. די יוניאן ווערט דעם מיטגליד'ס טרייסט, און ער פארלאנגט פון דער יוניאן א לעזונג אויף אלע זיינע אנגעווייטאגטע פראגען.

מיט יאהרען צוריק איז די ארבייטסלאזיגקייט צווישען די ניו יארקער קלאוק פרעסערס זיכער געווען א סך גרעסער ווי איצט. פרעסערס זיינען אין די הונדערטער ארומגעגאנגען פארצווייפעלט, פונדעסטוועגען איז דעמאלט קיינעם ניט איינגעפאלען צו נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט און פארזוכען לייזען דעם ארבייטסלאזען פראבלעם דורך דעם אייגענעם לאקאל, מיט דער הילף און קאאפעראציע פון דער אייגענער מיטגלידערשאפט. קיינעם איז ניט איינגעפאלען אז די יוניאן וועט האבען דעם נויטיגען מאראלישען כח און דיסציפלינירטען ארגאניזאציאנס באפעל צו באאיינפלוסען די ארבייטער אויף דעם רזשאב, אז זיי זאלען זיך טיילען געוויסערמאסען מיט דעם ביסען מיט ארבייטסלאזע ברידער. די ארבייטסלאזע אליין האבען עס אפילו ניט ערווארט. ווארים דער באלמאלאכע וואס האט שוין יע געהאט א דזשאב, האט פארדינט וואסער אויף קאשע, און ווער האט רען אונטער אזעלכע אומשטענדען געקענט פון איהם דערווארטען אז ער זאל עס יא טאן.

איצט איז די לאגע גאנץ אנדערש. די ארבייטסלאזע האבען פארוואס מקנא צו זיין דעם ארבייטענדיגען אין פארגלייך מיט זייער פארצווייפעלטער לאגע. ווען מען ארבייט פארדינט מען א טאג ווייידזשעס מיט קורצע שטונדען. די יוניאן איז שטארק, די מאראל פון די ארבייטער איז א גוטע, די דיסציפלין און סאלידאריטעט צווישען די ארבייטער איז ווידער א געהויבענע. דער ארבייטסלאזער ערווארט האפנונג און טרייסט פון דער יוניאן און ער ווייסט אז די יוניאן איז א כח, אז זי האט אן איינפלוס אויף די מיטגלידער, אז זי קען איהם העלפען אין זיין פארצווייפעלטער לאגע.

די פיהרערשאפט פון לאקאל מיט דעם מענעדזשער, וויס־פרעזידענט רזש. ברעסלאוו, אן דער שפיץ, האט זיך שטענדיג צוגעהערט צו די נויטען פון די ליידענדע ברידער אין לאקאל. זיי זיינען אלעמאל געווען גרייט עטוואס צו טאן פאר זיי, אבער וואס קומט ארויס, אז די אומשטענדען זיינען געווען אזעלכע אז מען האט גארניט געקענט טאן זייער לאגע צו פארבעסערען. איצט אבער, ווען עס האט זיך געשאפען א געלעגענהייט יא עטוואס צו טאן האט די אדמיניסטראציע פון דער קלאוק פרעסערס יוניאן זיך אנגעכאפט פאר דער געלעגענהייט און האט אויסגעארבייט א פלאן מיט רעקאמענדאציעס פאר א ספעציעלען לאקאל מיטינג, וואס איז פארגעקומען סוף מאנאט יאנואר, אין בעטהאווען האל, און האט געהאט די אויפגאבע צו באטראכטען די רעקאמענדאציעס צו לייזען כאטש טיילוויז די ארבייטסלאזיגקייט פון די עטליכע הונדערט פרעסערס צווישען די עטליכע טויזענט, וואס האבען יא ארבייט און ארבייטער אונטער יוניאן באדינגונגען.

די רעקאמענדאציעס זיינען פארגעלייגט און ערקלערט געווארען פון וויס־פרעזידענט ברעסלאוו. זיי זיינען פון די מיטגלידער גרינלאך דיסקוטירט געווארען און זיינען אנגענומען געווארען כדי דורכגעפירט צו ווערען אין לעבען. די רעקאמענדאציעס ווי זיי זיינען פארגעלייגט און אנגענומען געווארען לעזען זיך אזוי:

אזוי ווי עס געפינען זיך אין'ם לאקאל איינציגע הונדערט פרעסערס, וועלכע, צוליב איין אדער א צווייטער אורזאך, קענען ניט געפינען קיין שעפער, דארף עס זיין די אויפגאבע פון דער יוניאן און פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון לאקאל 35, צו קאאפערירען און טאן אלעס מעגליכעס, צו שאפען ארבייט פאר אט די ארבייטסלאזע אויף ווי ווייט עס איז נאר מעגליך.

דער אופן, ווי מען זאל זוכען צו שאפען ארבייט פאר די ארבייטסלאזע, דארף זיין ווי פאלגט:

1) איצט פיהרט זיך, אז פרעסערס נעמען ארויף פרעסערס אין שאפ, און אפט מאכט זיך, אז מען נעמט ארויף מענשען, וועלכע זיינען גארניט קיין יוניאן־לייט. ביז וואס־ווען, ארבייטען אט די מענשען אפ איינציגע טעג, און נעמען אזוי ארום אוועק ארבייט פון לאקאל 35 מיטגלידער. דערפאר רעקאמענדירט די עקזעקוטיוו באארד, אז אבסאלוט מאר קיינער ניט ארויפגענומען ווערען אין א שאפ, סיידען ער האט א ווארקינג קארד פון לאק. 35.

2) אין א צאהל שעפער, כאטש עס איז דא ארבייט פאר נאך פרעסער, טוט מען אבער אלעס מעגליכעס ניט ארויפצונעמען נאך א פרעסער. מען נעמט ארויף א פרעסער, ער ארבייט אפ א צוויי־דריי טעג, מען שיקט איהם אוועק (כלומרשט אז ער טויג ניט), און נאכהער נעמט מען א צווייטען, און נאך איינציגע טעג שיקט מען איהם ווייטער אוועק. אט דאס מוז גלייך אפגעשטעלט ווערען.

3) עס איז אויך א פאקט, אז א צאהל פרעסערס, וועלכע „מאכען" ניט אוים אין זייער עשעפער א פולע וואך, זוכען אנדערע שעפער, וואו צו פארפולען די וואך. אין אנדערע ווערטער, אזעלכע פרעסערס ארבייטען אויף 2 דזשאבס, דאס מוז גלייך אפגעשטעלט ווערען. קיין פרעסער, וועלכער ארבייט דריי טעג אין א שאפ, טאר ניט ארבייטען אין קיין אנדער שאפ.

4) די פערטע רעקאמענדאציע לויטעט: אין יעדען שאפ, וואו מען ארבייט אוים פולע צוויי וואכען, מוז מען אויף דער דריטער וואך אריינגעמען א פרעסער און איהם געבען 1 טאג ארבייט. עס ווערט געשאצט, אז עס וועלען זיין ארום טויזענט שעפער, וועלכע וועלען זיין אין אזא סיטואציע, דאס הייסט, אז אין ארום טויזענט שעפער וועט מען יעדע דריטע וואך, אומגעפער, קענען אריינגעמען א פרעסער און איהם געבען א טאג ארבייט. עס קאן זיין, אז מען וועט קענען אזוי ארום שאפען ארום פינף אדער זעקס טויזענט ארבייטס־טעג, אדער ארבייט פאר צוויי־דריי הונדערט פרעסערס.

נאך דער אננאמע פון די רעקאמענדאציעס, האט ברודער ברעסלאוו זיך געווענדעט צו די מיטגלידער, אז זיי זאלען געבען דער יוניאן די פולע קאאפעראציע און זיך סאלידאריזירען מיט די ארבייטסלאזע ברידער, ווארים אן דער קאאפעראציע און דער נויטיגער אפפערווילינגער סאלידאריטעט פון די ארבייטענדע ברידער וועלען די רעקאמענדאציעס ניט קענען דורכגעפירט ווערען אין לעבען. דער גייסט, מיט וועלכען די פרעסערס האבען אויפגענומען די רעקאמענדאציעס און ברודער ברעסלאוו'ס אפיל, איז א זיכערע גאראנטיע אז די ארבייטענדע קלאוק פרעסערס פארשטעהען די וויכטיגקייט פון אט דעם באשלוס, זיי ווייסען אז דורך דער אפשאפונג פון דער טיילווייזער ארבייטסלאזיגקייט ווערט די לאגע פון די ארבייטענדע אין די שעפער בעסער און זיכערער.

דער באשלוס האט ארויסגערופען אנערקענונג אין אלע יוניאן קרייזען, אבער מעהר פון אלעם זיינען רערין פאראינטערעסירט די ארבייטסלאזע קלאוק פרעסערס. די יוניאן איז גלייך צוגעטראטען אויסצופיהרען דעם פלאן. עס איז גלייך איינגעארדענט געווארען א פאסינגער אפאראט צו דיזען צוועק. דער יוניאן אפים וועט פון איצט אן זיין אפען יעדען פריהמארגען פון 7.30 אזייגער, כדי די ארבייטסלאזע פרעסערס זאלען קענען באצייטענס געשיקט ווערען אויף א דזשאב און באקומען דערצו די נויטיגע ארבייטס־קארד.

א שעהנער, א אידעאלער פארזוך, וועלכער פארדינט נעקרוינט צו ווערען מיט ערפאלג, און צו דינען פאר א ביישפיל פאר אנדערע יוניאנס.

רערס געהאט גאנץ גרויסע פראפיטען, אבער מיר האבען ניט געהערט, אז אימיצער פון זיי זאל דערמאלט האבען פארגעשלאגען, אז מען זאל אויסבעסערען דעם קאוד צו גונסטען פון די ארבייטער, ווייל די מאנופעקטשורערס מאכען צו גרויסע פראפיטען. עס הייסט, אלזא, אז ווען די מאנופעקטשורער מאכען גאנץ גרויסע פראפיטען מעג דער קאוד בלייבען ווי ער איז, ווען אבער זייערע פראפיטען ווערען קלענער דארף מען דעם קאוד ענדערען אויף אזא אופן, אז ער זאל ווערען ערגער פאר די ארבייטער און בעסער פאר די באלעבאטים. מיר פארשטעהען, אז דאס קען שטימען מיט'ן באלעבאטישען יושר, אבער ווי אזוי קען זיך זיי לייגען אויפ'ן שכל, אז די ארבייטער זאלען עס דערלאזען איז אונז זעהר שווער צו פארשטעהן.

נאר אויב מר. דעל מאנטע האט אנגעפאנגען שלעכט, האט ער אבער געענדיגט גוט. ער האט ערקלערט, אז עפעס איז אין אלגעמיין טראבעל מיט די קאודס. מען קען דאך ניט דערווארטען, האט ער געזאגט, אז א טאבאק ארבייטער, א סיגארעטען מאכער, וואס קריגט 30 סענט א שטונדע פאר זיין ארבייט, זאל קענען קויפען קלאוקס, וואו מען צאהלט דריי מאל אזוי פיל פאר אן ארבייטס-שטונדע.

דאס איז פאלשטענדיג ריכטיג. די ארבייטער וואס ווערען אזוי שלעכט באצאהלט אין דער טאבאק אינדוסטריע, אין דער שטאל אינדוסטריע און אין א גאנצע רייהע אנדערע אינדוסטריעס, קענען ווירקליך ניט קויפען קיין קלאוקס. זיי קענען אפילו קיין שיך ניט קויפען. אבער דערפון איז דאך קלאר, אז ווען די קלאוקמאכער וועלען קריגען ווייניג באצאהלט פאר זייער ארבייט וועלען זיי אויך ניט קענען קויפען.

מר. דעל מאנטע האט דעריבער בעסער געדארפט געהן צו די קאוד אויטאריטיס און פארלאנגען, אז די טאבאק ארבייטער, די שטאל ארבייטער זאלען קריגען בעסער באצאהלט פאר זייער ארבייט. דאס איז דער איינציגער ריכטיגער וועג. און ווי מיר זעהען פון דעל מאנטע'ס ערקלערונג פארשטעהט ער עס.

***

דער ארגאניזאציאנס-קאמף אין דער קאטען-גארמענט אינדוסטריע.

דעם ווארימען אפקלאנג וואס די ארגאניזאציאנס ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל האט געקראגען ביי די ארבייטער און ארבייטערינס פון דער קאטן גארמענט אינדוסטריע באווייזט, אז די ארבייטער פארשטעהען זעהר גוט, אז פון דער „נירא" אליין קענען זיי ניט געהאלפען ווערען. עס איז טאקע אויף דעם באפעל פון פרעזידענט רוזוועלט איינגעפירט געווארען אין דער קאטען-גארמענט אינדוסטריע א 36 שטונדיגע ארבייטס-וואך, און לויט דעם קאוד איז אויך באשטימט געווארען א מינימום ארבייטסלוין, אבער ווען די ארבייטער וועלען ניט זיין ארגאניזירט און וועלען ניט האבען אן ארגאניזאציע וואס זאל אויפפאסען אויף זייערע אינטערעסען, וועט זייער מאקסימום ארבייטס-צייט און מינימום ארבייטס-לוין, וואס די „נירא" האט זיי געגעבען, האבען א קליינעם ווערטה. זיי וועלען ארבייטען לענגערע שטונדען און וועלען קריגען ווייניגער באצאהלט און עס וועט ניט זיין קיין קלעגער און קיין ריכטער.

און אפילו ווען די באלעבאטים היטען שוין אפ דעם קאוד, נאר די ארבייטער זיינען ניט ארגאניזירט, ווערט פון דעם מינימום ארבייטס-לוין א מאקסימום. עס געווינען עפעס די פריהערדיגע גאנץ שלעכט באצאהלטע, אבער עס פארלירען א סך די פריהערדיגע בעסער באצאהלטע. ווען די ארבייטער אבער זיינען ארגאניזירט דערלאזען זיי עס ניט.

און ווען די ארבייטער זיינען ארגאניזירט איז טאקע דער מינימום ארבייטס-לוין גופא אויך א העכערער. זיי קריגען מעהר ווי עס פאדערען די קאודס. ניטא קיין איינציגער טרייד, וואס איז ארגאניזירט פון דער אינטערנעשאנאל וואו דער מינימום ארבייטס-לוין זאל ניט זיין העכער ווי אין די קאודס.

אין דעם קאטען-גארמענט סטרייק אין שיקאגא, וואס איז א טייל פון דעם גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין פון דער קאטען גארמענט אינדוסטריע אין דער מידל-וועסט, איז ארויסגעשטעלט געווארען די פאדערונג פון 16 דאלאר א וואך אלס דער מינימום ארבייטס-לוין און א העכערונג פון 15 פראצענט פאר די קאטערס. ענליכע פאדערונגען זיינען ארויסגעשטעלט געווארען אין די סטרייקס פון די קאטען גארמענט ארבייטער אין די אנדערע ערטער.

***

א גוטער צייכען פאר לאקאל 1

דער באשלוס פון דער מיטגלידער פארזאמלונג פון לאקאל 1 צו העכערען די אפצאלונגען צו דער יוניאן פון 35 סענט א וואך אויף 50 סענט באווייזט, אז דעמאגאגיע האט ענדליך אויפגעהערט צו זיין אזא גאנגבארע סחורה .צווישען די אפערייטארס.

די פראגע פון העכערען דיוס איז אלע מאל געווען דער בעסטער מיטעל ביי פארשידענע דעמאגאגען אויפצורייצען די מיטגלידער פון דער יוניאן געגען זייערע באמטע און געגען דער יוניאן אין אלגעמיין. עס מאכט ניט אויס ווי קליין די העכערונג זאל ניט זיין. פאר דעם דעמאגאג איז עס ניט קיין אונטערשיד. ער ווייס בלויז איין זאך, אז מיט דער פראגע פון צאלען העכערע דיוס קען מען אויפרייצען די מיטגלידער פון דער יוניאן און דאס איז פאר איהם גענוג. מיט א פאר צענדליג יאהר צוריק האבען דעמאגאגען געמאכט א גרויסען טומעל אין דער קלאוק מאכער יוניאן צוליב דער העכערונג פון איין סענט א וואך (דאס איז געווען צו דעקען די קאסטען פון דער „נייער פאסט", וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן האט דעמאלט ארויסגעגעבען).

די דיוס אין לאקאל 1 האט שוין לאנג געדארפט געהעכערט ווערען. דער לאקאל האט ניט געקענט דעקען זיינע הוצאות. אפילו פריהער, ווען מען האט געארבייט פון וואך און די יוניאן האט ניט געדארפט אויפהאלטען אזא קאסטבארען אפאראט וואס איז פארבונדען מיט סעטלען פרייזען, ווי ס'איז איצט מיט דער סיסטעם שטיק ארבייט שוין אפגעערדט איצט, ווען די הוצאות פון דער יוניאן האבען זיך דורך דער איינפיהרונג פון דער סיסטעם פון שטיק ארבייט אזוי שטארק פארגרעסערט, אז דער לאקאל קען ניט אויסקומען מיט די 35 סענט דיוס, וואס ער קריגט. נאר די אדמיניסטראציע פון לאקאל - האט זיך איינפאך יעדעס מאל געדראפט אננעמען מיט א סך מוט, ווען זי האט נאר אפילו פראבירט געבען אן אנצוהערעניש, אז עס איז נויטיג צו העכערען די דיוס. זי האט געוואוסט, וואס פאר א מין טומעל די פארשידענע דעמאגאגען וועלען אויפהויבען.

און דעריבער זאגען מיר, אז עס איז א צייכען פון געזונטקייט, פראגרעס און ארגאניזאציאנעלער פעסטקייט אין לאקאל 1, ווען די פראגע פון העכערען דיוס איז פון די מיטגלידער אויפגענומען געווארען אין דעם ריכטיגען גייסט און זיי האבען זיך ניט צוגעהערט צו די אויפרייצער און אויפהעצער, נאר האבען געשטימט אין איינקלאנג מיט די אינטערעסען פון זייער יוניאן.

***

פרינץ בידערמאן א יוניאן שאפ.

ענדליך האט די אינטערנעשאנאל איינגענומען אויך די שטארקע פעסטונג פרינץ בידערמאן, וועלכע האט זיך גערעכענט אזוי פיל יאהרען פאר אומבאזיגבאר.

עס איז אבער ניט געווען א זיג פון אן אפענעם קאמף אויפ'ן שלאכטפעלד, וואו דער זינער דיקטירט די פרידענס-באדינגונגען און דער באזיגטער איז געצוואונגען אונטערצושרייבען אויף דעם פלאץ, וואו מען ווייזט איהם אן. עס איז געווען א זיג דורך אן אויסגעמידענע אפענע שלאכט.

די יוניאן איז געווען ניט נאר גרייט, נאר אויך אנטשידען אויפצונעמען א קאמף געגען דער פרינץ-בידערמאן פירמע. זי האט געוואוסט, אז דער קאמף וועט זיין א

גערעכטיגקייט

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XVII. No. 3. [illegible] 290 March, 1935

Entered as Second Class matter, August 7, 1925 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorised on Jan. 25, 1919

וואס די קלאוק דזשאבערס און קאנטראקטארס דארפען געדענקען.

די קלאוק דזשאבערס זאגען, הייסט עס, אז זיי ווילען ניט באַנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. נאר זיי האבען ניט געזאגט, אויב זיי ווילען פארבלייבען אין די קלאוק ביזנעס.

עס קען זיין, אז זיי האבען אויסגעפונען א בעסערע ביזנעס ווי קלאוקס און אין דעם פאל קען זיי קיינער ניט אפהאלטען. אבער אויב זיי דענקען צו בלייבען אין די קלאוק ביזנעס דארפען זיי אויך דענקען, אז די יוניאן האט עפעס וועגען דעם וואס צו זאגען.

דזשאבערס מאכען אליין ניט קיין קלאוקס. זיי מאכען בלויז פראפיטען פון קלאוקס. עס זיינען די קלאוק מאכער, וואס מאכען די קלאוקס, און די קלאוק מאכער האבען א גוטע, שטארקע אָרגאניזירטע יוניאן און ווען די יוניאן וועט זיי ניט הייסען מאכען קיין קלאוקס פאר די דזשאבערס און די קאנטראקטארס, וועלען זיי ניט מאכען און די דזשאבערס און די קאנטראקטארס וועלען ניט מאכען קיין פראפיטען.

די דזשאבערס זאגען, אז זיי ווילען ניט קיין „לימיטישאן אוו קאנטראקטארס" און זיי זאגען, אז זיי ווילען צאלען קלענערע ארבייטס־פרייזען. אבער איז דאס א נייעס? ווען האבען דען די דזשאבערס יא געוואלט לימיטישאן? און ווען האבען די דזשאבערס ניט געוואלט צאלען קלענערע פרייזען פאר דער ארבייט?

די דזשאבערס האבען בעסער געדארפט זאגען, אז זיי ווילען בלויז מאכען פראפיטען פון קלאוקס נאר זיי ווילען ניט טראגען קיין שום פאראנטווארטליכקייט פאר דער אינדוסטריע און פאר די וואס מאכען פאר זיי די קלאוקס. דאס וואלט געווען אויפריכטיג און דער פולער אמת. האבען דאך די דזשאבערס אלע מאל געזוכט זיך ארויסצודרעהען פון דער פאראנטווארטליכקייט פאר דער יוניאן. נישט מער די יוניאן האט זיי ניט געלאזען. דענקען זיי אבער, אז איצט וועט זיי די יוניאן לאזען? ווי קען דאס נאר זיי איינפאלען צו דענקען? די יוניאן איז איצט שטארקער און האט א בעסער ארגאניזירטען קאנטראל איבער דעם טרעיד און זי וועט זיכער ניט לאזען די דזשאבערס זיך ארויסצודרעהען פון איהר קאנטראל. דענקען אפשר די דזשאבערס, אז די יוניאן ווייס ניט, אז דאס אפשאפען פון לימיטישאן פון קאנטראקטארס מיינט די אפשאפונג פון איהר קאנטראל איבער די דזשאבערס? אזוי צו דענקען וואלט שוין געווען צו נאאיוו.

און די קאנטראקטארס? אויך זיי ווילען ניט באַנייען דעם אגרימענט. נאר זיי זיינען ניט אזוי שטרענג ווי די דזשאבערס. זיי זיינען גרייט צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן און זיך דינגען מיט איהר. דעם אלטען אגרימענט ווילען זיי ניט מער. אבער דאס מיינט בלויז, אז אויך זיי ווילען ניט קיין קאנטראל פון דער יוניאן איבער זיך. דאס איז דער עיקר פון אלע עיקרים. נאר זיי וויסען, אז אליין האבען זיי אפילו קיין כח ניט דאס צו וועלען. גלויבען זיי דעריבער, אז זיי וועלען זיין שטארקער, ווען זיי וועלען מאכען א פאראייניגטען פראנט מיט די דזשאבערס. אבער די קאנטראקטארס מוזען האבען א גאנץ גוטען זכרון, אז ניט געוואלטען זיי געדענקט די קעסט, וואס די דזשאבערס האבען זיי געגעבען, ווען קיין לימיטישאן איז ניט געווען.

מיר וויסען, אז עס זיינען פאראן אזעלכע קאנטראקטארס וואס ביינקען נאך יענער צייט. דאס זיינען די פלינקערע און די געוויסענלאזערע וואס פאר זיי איז געווען דער ציגיינערישער יאריד וואס די דזשאבערס פלעגען מאכען צו קריגען די ביליגסטע אנבאטען פון ארבייטס־פרייזען, ווי אנגעמאסטען. זיי פלעגען אריינציגיינערען די גרעסטע צאל קאנטראקטען און זיי פלעגען שוין אויסשווינדלען מיטלען ווי אזוי צו צאלען זייערע ארבייטער א הונגער־לוין. אבער ניט אלע קאנטראקטארס האבען עס דאך געקענט און געהאט די געלעגענהייט. מיר גלויבען זיכער, אז פון דעם אמאליגען הפקר יאריד, איידער עס איז איינגעפיהרט געווארען לימיטישאן, האבען בלויז א געוויסע צאל פון די קאנטראקטארס געמאכט פראפיטען, בעת די איבריגע זיינען געווען אויף צרות.

אבער עס איז ניט אונזער אויפגאבע צו זאגען די קאנטראקטארס וואס פאר זיי איז בעסער אדער ערגער. אונזער אויפגאבע איז בלויז זיי צו זאגען, אז זיי זאלען ניט זיין אזוי האפערדיג ביי זיך און אז זיי זאלען בעסער האבען אין זינען, אז די קלאוק מאכער האבען א יוניאן און אז הינטער דער קלאוק מאכער יוניאן שטעהט די אינטערנעשאנעל און דאס איז דאכט זיך גענוג געזאגט.

***

שלעכט אנגעפאנגען אבער גוט געענדיגט.

דער פרעזידענט, איצט שוין עקס־פרעזידענט, פון דער קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן (אינדאסטריעל קאונסיל), דעל מאנטע, האט געמאכט אן ערקלערונג, וואס האט זיך אנגעפאנגען שלעכט, אבער האט זיך געענדיגט גוט. דאס איז נאך געווען איידער זיין ארגאניזאציע האט אפיציעל געענטפערט דער יוניאן וועגען באנייען דעם אגרימענט און וועלכע טענות זי האט. עס הייסט, אז די ערקלערונג איז געווען א מין ניט אפיציעלע הקדמה. ער האט אין איהר דעריבער גערעדט ניט בלויז וועגען אגרימענט, נאר אויך וועגען קאוד.

ער האט אנגעפאנגען דערמיט, אז דער קאוד פאר דער קלאוק אינדוסטריע דארף געענדערט ווערען, ווייל די קלאוק מאנופעקטשורערס ארבייטען אונטער א דעפיציט. עס מיינט, הייסט עס, אז דער קאוד דארף געענדערט ווערען אזוי, אז ער זאל זיין ערגער פאר די ארבייטער און בעסער פאר די באלעבאטים.

איז עס גאנץ מעגליך, אז דער אדער יענער קלאוק מאנופעקטשורער האט פארענדיגט דאס יאהר מיט א דעפיציט. דאס האט געקענט אויך טרעפען אין די בעסערע פראספעריטי יאהרען, אבער מיר צווייפלען זעהר שטארק, אויב די גאנצע קלאוק אינדוסטריע האט געארבייט אונטער א דעפיציט. מיר זיינען זיכער, אז די מייסטע קלאוק מאנופעקטשורערס האבען געמאכט גאנץ פיינע פראפיטען. מיר וויסען, אז זיי זיינען אין דער פראדוקציע פון קלאוקס ניט פאר מצוות און כדי צו קריגען א גרעסערען חלק עולם הבא.

עס טרעפט, אז מאנופעקטשורער האבען א יאהר ווייניגער פראפיטען, ווי זיי האבען גערעכענט, אבער עס טרעפט א סך אפטער, ווען זיי האבען מעהר פראפיטען, ווי זיי האבען גערעכענט. מיר וויסען, למשל, אז דאס ערשטע יאהר פון קאוד האבען די קלאוק מאנופעקטשור

פון צייט צו צייט

פון צביון.

פרעזידענט רוזוועלט האָט זיך געווענדעט צום קאָנגרעס וועגען פאַרלענגערען דעם טערמין פון דער „ניראַ“, וואָס ענדיגט זיך אין פיר חדשים אַרום, אויף נאָך צוויי יאָר.

מען האָט פריהער געוואוסט, אַז פרעזידענט רוזוועלט וועט עס פאַרלאַנגען. מען האָט בלויז ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ פאָרם ער וועט עס פאַרלאַנגען און וואָס עס וועלען זיין די ענדערונגען, וועלכע ער וועט רעקאָמענדירען. אָבער דאָס ווייס מען אויך איצט ניט, ווייל ער האָט עס אין זיין מעסעדזש קלאָר ניט געזאָגט. ער האָט אין זיין מעסעדזש זיך באַגנוגענט מיט אַרויסזאָגען אַלגעמיינע געדאַנקען, אָבער ער האָט איבערגעלאָזען פאַר'ן קאָנגרעס אויסצואַרבייטען די איינצעלהייטען. און עס זיינען גראָד די איינצעלהייטען, וועלכע זיינען אין דעם פאַל וויכטיג. די אַרבייטער זיינען באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין דריי זאַכען: ערשטענס, אַז דער באַקאַנטער פאַראַגראַף 7איי זאָל אַזוי קלאָר געמאַכט ווערען אַז ער זאָל ניט קענען אויסגענוצט ווערען פון די באַלעבאַטים אויף אַזאַ אופן, וואָס מאַכט אים אינגאַנצען ווערטלאָז פאַר די אַרבייטער. צווייטענס, די איינפירונג פון אַ דרייסיג שטונדיגער אַרבייטס־וואָך. דריטענס, ווירקזאַמע צווינגענדע מיטלען פאַר די דורכפירונג פון די קאָודס. פרעזידענט רוזוועלט האָט אין זיין מעסעדזש גערעדט מעהר אָדער ווייניגער באַשטימט בלויז וועגען אָט דעם דריטען פונקט. ער האָט צוגעגעבען, אַז די מיטעל וואָס זיינען באַנוצט געוואָרען צו צווינגען די באַלעבאַטים דורכצופירען די קאָודס זיינען ניט געווען גענוג ווירקזאַם. ער האָט צוגעגעבען, אַז די געפענגניש שטראָף, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר די וואָס פאַרברעכען געגען די קאָודס, האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג, ווייל עס איז שווער די שטראָף דורכצופירען. עס פאַנגט זיך אָן די פּראָצעדורע פון די געריכטען, וואָס פאַרציהט זיך אַזוי לאַנג, אַז פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די קאָודס זיינען איינגעפירט געוואָרען, איז עס פאַרלויפיג אין גאַנץ ווייניג פאַלען געלונגען די שטראָף אַנצואַווענדען, הגם פאַרברעכענס געגען די קאָודס זיינען געווען גאַנץ פיל. דער פרעזידענט רעקאָמענדירט דעריבער, אַז די געפענגניש־שטראָף פאַר די פאַרברעכער געגען די קאָודס זאָל אינגאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען און אַנשטאָט דעם זאָל דער קאָנגרעס געבען דער רעגירונג אַ רעכט אַרויסצונעמען אַן אינדזשאַנקשאַן געגען די, וואָס ווערען באַשולדיגט אין ניט אָפּהיטען די קאָודס. דורך דעם וועלען די באַשולדיגטע שנעלער קענען באַשטראָפט ווערען.

איך וויל זיך ניט אָננעמען צו זאָגען אויב פרעזידענט רוזוועלט'ס נייער רעקאָמענדירטער מיטעל וועט בעסער ווירקען. איך האָב דעם איינדרוק, אַז ווען עס קומט צו די גרויסע בערען ווערען אַלע שטראָף־מיטלען שוואַך און ווירקען ניט. די אַלע געזעצען און די שטראָפען פאַר זייער ניט אָפּהיטונג האָבען פאַקטיש אַ ווערט בלויז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די קליינע מענשעלעך, וועגען די „שיפּע זיבעטלאַך“, ווי מען זאָגט עס אויף קאָרטען לשון. ווען עס קומט אָבער צו די קעניגע און צו די טייז הערען אויף אַלע געזעצען און אַלע שטראָפען צו ווירקען. נאָר איך בין דאָ ניט אויסען זיך אָפּצושטעלען אויף דער פראַגע וועלכע מיטלען מען דאַרף אָננעמען, אַז די קאָודס זאָלען אָפּגעהיט ווערען. איך האָב בלויז געוואָלט באַמערקען, אַז וועגען אָט דער פראַגע האָט פרעזידענט רוזוועלט גערעדט מיט מעהר באַשטימטקייט אין זיין מעסעדזש. וועגען די אַנדערע פראַגען אָבער איז ער געווען אַ סך ווייניגער אויסגעשפּראָכען. ער האָט זיך ניכער באַמיהט צו זיין וואָס ווייניגער באַשטימט און קלאָר. ער האָט דערמאָנט וועגען דעם רעכט פון די אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען, אָבער אָט דאָס רעכט איז זיי דאָך שוין פריהער געגעבען געוואָרען דורכ'ן פאַראַגראַף, 7־איי, און די באַלעבאַטים האָבען עס געמאַכט צו נאָרניט. און אָט וועגען דעם פאַראַגראַף 7איי איז דאָך די גאַנצע צייט פון דער „ניראַ“ אַזוי פיל גערעדט געוואָרען און עס זיינען געמאַכט געוואָרען פון די אַרבייטער אַזוי פיל קלאַגען, אַז זיי ווערען באַרויבט פון זייער רעכט וואָס דער דערמאָנטער פאַראַגראַף גיט זיי. מען האָט דעריבער געדאַרפט ערוואַרטען, אַז דער פרעזידענט אין זיין מעסעדזש וועגען דער באַנייאונג פון דער „ניראַ„ וועט זיך גראָד אויף דעם פונקט אַרויסזאָגען באַשטימטער און קלאָרער. אָבער ער האָט עס אויסגעמידען. און אַזוי איז עס אויך מיט דער דרייסיג שטונדיגער אַרבייטס־וואָך, וועלכע איז היינט געוואָרען די וויכטיגסטע פאָדערונג פון די אַרבייטער. ער האָט אין זיין מעסעדזש גערעדט וועגען קירצערע אַרבייטס־שטונדען, אָבער ער האָט דערביי דערמאָנט צוויי ציפערען — דרייסיג און פערציג. דאָס איינענטליך דאַרף פאַרשטאַנען ווערען, אַז דער פרעזידענט איז ניכער געגען דער דרייסיג־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך, ווייל זייענדיג פאַר דער דרייסיג־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך קען מען ניט אין דעמזעלבען אָטעם אויך דערמאָנען אַ פערציג שטונדיגע אַרבייטס־וואָך. אָבער עס איז ניט אַ פראַגע ווי מען דאַרף דעם פרעזידענט'ס מעסעדזש פאַרשטעהן, נאָר וועגען דעם, אַז דער פרעזידענט האָט אין זיין מעסעדזש געזוכט אויסצומידען באַשטימטקייט און קלאָרקייט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט געוואָלט מיט זיין מעסעדזש יוצא זיין פאַר אַלע צדדים. נאָר עס איז אַן אַלטער כלל, אַז ווען מען וויל יוצא זיין פאַר אַלע צדדים איז מען פאַר קיין צד ניט יוצא.

***

נאָר מען דאַרף אָפּוואַרטען און זעהן ווי אַזוי דער קאָנגרעס וועט אויסטייטשען דעם פרעזידענט'ס מעסעדזש. פון די ערשטע שריט, וואָס דער נייער קאָנגרעס האָט געמאַכט, קען מען אורטיילען, אַז ער איז פּראָגרעסיווער פון דעם פרעזידענט. ווייניגסטענס קען מען עס זאָגען מיט זיכערהייט וועגען דער אויבערשטער הויז פון קאָנגרעס — דעם סענאַט. דאָס האָט זיך אמבעסטען אַרויסגעוויזען אין דער פראַגע וועגען דעם אַרבייטסלוין וואָס מען זאָל צאָלען די אַרבייטער, וואָס וועלען באַשעפטיגט ווערען אין די געפּלאַנטע עפענטליכע אַרבייטען, וואָס פרעזידענט רוזוועלט האָט רעקאָמענדירט אין זיין ערשטען מעסעדזש צו דעם נייעם קאָנגרעס. רוזוועלט'ס רעקאָמענדאַציע איז געווען, אַז מען זאָל צאָהלען אַ נידעריגערען אַרבייטסלוין, ווי עס צאָהלען פּריוואַטע אונטערנעהמער פאַר דערזעלבינער אַרבייט. די פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט זיינען גאַנץ שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דעם פרעזידענט'ס רעקאָמענדאַציע. זיי האָבען מיט רעכט אָנגעוויזען, אַז דאָס וועט אַראָפּדריקען דעם אַרבייטס־לוין איבער'ן גאַנצען לאַנד און דער גאַנצער פּלאַן וועגען די גרויסע עפענטליכע אַרבייטען וועט דעריבער ברענגען די אַרבייטער מעהר שאַדען ווי נוצען. רוזוועלט איז אָבער געשטאַנען פעסט אויף זיין מיינונג און ער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצען איינפלוס אין קאָנגרעס, אַז זיין רעקאָמענדאַציע זאָל אָנגענומען ווערען. נאָר צו זיין גרויס איבערראַשונג האָט אַ מאַיאָריטעט פון סענאַט געשטימט פאַר אַ פאָרשלאַג, אַז די אַרבייטער ביי די געפּלאַנטע עפענטליכע אונטערנעמונגען זאָלען געצאָהלט ווערען לויט דעם מינימום אַרבייטסלוין, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

מען קען נאָך, אמת, פאַרלויפיג ניט זאָגען ווער וועט דאָ ענדליך זיגען. די מאַיאָריטעט אין סענאַט איז געווען בלויז מיט איין שטימע און רוזוועלט מיט זיינע אונטערשטיצער האָבען גלייך אָנגעפאַנגען אַ מאַנעוורע, אַז די

שווערע. ניט אומזיסט האט עס זיך דער פרינץ־בידערמאן פירמע איינגעגעבן אנצוהאלטען אזוי פיל יאהרען א ניט־יוניאן שאפ ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די אנדערע קלאוק שעפער אין קליוולאנד זיינען געווען ארגאניזירט. אבער ניט קוקענדיג אויף אלע שווערינקייטען, איז די יוניאן געווען אנטשלאסען דעם קאמף אויפצונעמען. די פירמע האט עס געוואוסט און זי האט אויך געוואוסט, אז דאס מאל וועט דער קאמף געגען איהר זיין שטארקער און ביטערער ווי ווען עס איז. זי האט געוואוסט, אז עס וועט זיין א קאמף ניט מיט דער יוניאן אין קליוולאנד, נאר מיט דער אינטערנעשאנאל, מיט דער גרויסער, שטארקער אינטערנעשאנאל וואס וועט שטעלען זעהר פיעל אין קאן דעם קאמף צו געווינען וויפיל עס זאל איהר ניט קאסטען און ווי לאנג עס זאל ניט דויערן. און דאס מיינט, אז וואס עס זאל ניט זיין דער סוף פון קאמף וועט עס דער פירמע זעהר טייער קאסטען, אפשר אזוי טייער, אז זי וועט דעם פרייז ניט קענען באצאהלען. און איז דאך די פרינץ־בידערמאן פירמע אין די קלאוק ביזנעס ענדליך ניט פאר דעם פרינציפ צו באקעמפען די יוניאן און אויפצוהאלטען א ניט־יוניאן שאפ. די פירמע איז אין די קלאוק ביזנעס פריהער פאר אלץ צו מאכען געלט און זי האט געקעמפט געגען דער יוניאן, ווייל זי האט געגלויבט, אז האלטענדיג א יוניאן שאפ וועט זי מאכען ווייניגער געלט ווי אין אן אפען־שאפ. ווען די פירמע האט אבער דערפיהלט, אז דער נייער קאמף, וואס איהר שטעהט פאר, וועט איהר קאסטען צו טייער, איז זי געקומען צו דער יוניאן ריידען יוניאן און אויסדינגען וואס זי וועט קענען.

פאר דער יוניאן איז עס געווען א גרויסער זיג, וואס ענדליך האט די פרינץ־בידערמאן פירמע זיך פאר איהר געבויגען, אבער זי האט דאך ניט געקענט פיהלען, אז זי איז אין א צושטאנד צו דיקטירען די באדינגונגען פון זיג און הייסען די פירמע אונטערשרייבען. כדי דאס צו קענען טאן האט זי געדארפט ריזיקירען מיט אן אפענעם, קאסטבארען לאנגען קאמף. און פרעזידענט דובינסקי האט באשלאסען, אז די אינטערנעשאנאל קען זיך אונטער די אומשטענדען באגנוגען מיט דעם זיג וואס זי האט געוואונען דורך פרידליכע פארהאנדלונגען, אײדער זוכען א גרעסערען זיג אויפ'ן אפענעם שלאכטפעלד.

עס איז געווים אין דער פראקטיק פון דער אינטערנעשאנאל א נייעס, אז אן איינצעלנער שאפ, ווען אפילו א באזונדערס גרויסער שאפ, זאל קריגען א טשארטער אלס א לאקאל יוניאן, אבער די פראקטיק פון לעבען ברייננגט אפט נייעס וואס איז פריהער ניט אויספּראבירט געווארען. אין דער איצטיגער פראקטיק פון דער אינטערנעשאנאל איז געווען וויכטיגער ווי אלץ אוועקצושטעלען דעם פרינץ־בידערמאן שאפ אונטער איהר קאנטראל און איהם יוניאניזירען. און דאס איז איהר געלונגען. די פירמע האט זיך געאייניגט אויף אן אפמאך מיט דער אינטערנעשאנאל און האט דערמיט פארענדיגט איהר לאנג־יעהריגע זעלבסטהערשאפט אין שאפ. פרינץ־בידערמאן איז איצט א יוניאן שאפ און די ארבייטער פון פרינץ־בידערמאן זיינען איצט א טייל פון דער גרויסער ארבייטער פאמיליע פון דער אינטערנעשאנאל. און מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלען זיך איינלעבען מיט דער פאמיליע און וועלען זיך צונויפגיסען מיט איהר.

***

צוויי נייע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל.

אין לעצטען מאנאט זיינען אין ניו יארק צוגעקומען צוויי נייע לאקאלס אין דער אינטערנעשאנאל — לאקאל 31 פון די דרעס פעטערן מאכער און לאקאל 40 פון די בעלט־מאכער.

עס איז געווען צו דערווארטען, אז די דרעס פעטערן מאכער זאלען זיך פארקוקען אויף די קלאוק פעטערן מאכער און ווי זיי ווערען א טייל פון דער אינטערנעשאנאל.

געווען א צייט, ווען די פעטערן מאכער האבען זיך ניט געוואלט ציילען צווישען דער ארבייטער משפחה. זיי האבען ניט געוואלט קוקען אויף זיך ווי אויף ארבייטער, אבער יענע צייט איז פאריבער. דער שווערער ביטערער קריזיס האט געבראכט א סך לײדען און נויט, אבער ער האט אויך דא און דארטען וועמען עס איז געבראכט צום שכל. און צווישען זיי אויך די פעטערן מאכער. זיי האבען אנגעפאנגען פארשטעהן, אז זיי ווערען פונקט אזוי עקספלואטירט ווי אלע אנדערע ארבייטער פון זייערע באסעס און מייסטערס נאך ערגער, ווייל זיי זיינען ניט ארגאניזירט און דעריבער דארף זיין זייער פלאץ צווישען די ארגאניזירטע ארבייטער און עס וועט זיי א סך גוטעס טאן וואס זיי זיינען צום שכל געקומען. זיי וועלען א סך געווינען, וואס זיי האבען זיך אנגעשלאסען צו דער גרויסער ארבייטער פאמיליע, וואס איז ארגאניזירט אונטער דער פאן פון דער אינטערנעשאנאל.

***

די בעלטמאכער, וועלכע זיינען געווארען לאקאל 40 פון דער אינטערנעשאנאל, האבען אויף זיך קיינמאל אנדערש ניט געקוקט ווי אויף ארבייטער און זיי האבען אלעמאל געוואוסט, אז זיי ווערען עקספלואטירט פון זייערע באסעס, נאר אויך זיי האט א לאנגע צייט געפעלט דער שכל זיך צו ארגאניזירען. עס איז בלויז עפעס מעהר ווי א יאהר ווי די בעלט מאכער האבען ארגאניזירט זייער איצטיגע יוניאן. זי האט זיך אנגעפאנגען קליין, אבער זי איז שנעל געוואקסען. זי האט היינט שוין ארום אכציג פראצענט פון דעם טרייד ארגאניזירט.

און עס איז געווען קלוג פון די בעלטמאכער וואס זיי זיינען געקומען צו דער אינטערנעשאנאל, אז זי זאל זיי ארייננעמען אונטער איהר פאן. זיי זיינען איצט א טייל פון א גרויסער, מעכטיגער ארגאניזאציע און דאס וועט זיי זעהר פיל העלפען אין זייער קאמף פאר א בעסערען און א לייכטערען לעבען.

מיר באגריסען הארציג די נייע צוגעקומענע רעקרוטען אין אונזער גרויסער ארגאניזירטער ארבייטער ארמיי.

***

צוויי יאהר „ניו דיעל"

דעם 4טען מארטש איז צוויי יאהר געווארען ווי רוזוועלט איז איינגעשווארען געווארען פאר פרעזידענט און ער האט אנגעזאגט דעם אמעריקאנער פאלק, אז עס וועט באקומען א „ניו דיל".

עס איז געווען א פרעהליכע בשורה און עס האט אויך אנפאנגס אויסגעוויזען, אז עס איז ניט בלויז א בשורה אויף בעסערע צייטען, נאר אז די בעסערע צייטען קומען שוין טאקע. עס זיינען געווען מיינונגס־פארשידענהייטען ווי גרויס עס איז געווען די פארבעסערונג וואס דער „ניו דיל" האט געבראכט, אבער אז עס באמערקט זיך א בעסערונג האבען כמעט אלע צוגעגעבען.

לײדער, איז עס ניט געגאנגען אזוי ווייטער ווי ער האט זיך אנגעפאנגען.

נאך די ערשטע האניג־חדשים פון „ניו דיל" האבען די ארבייטער געווינסען אנגעפאנגען ביסלאכווייז אויסרינען. די פריינדשאפט פון רוזוועלט'ן צו די ארבייטער, וואס האט אין אנפאנג פון „ניו דיל" אויסגעוויזען צו זיין אזוי ווארים, האט וואס שפעטער אלץ מעהר זיך אפגעקילט. אין די לעצטע חדשים איז עס געווארען גאנץ קיל. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט האט אנגעפאנגען שטארק פראטעסטירען.

דער אונטערשטער סך הכל פון צוויי יאהר רוזוועלט איז, אז די ארבייטער האבען געהאט נאך אן ערפארונג, אז פריהער פאר אלץ מוזען זיי זיך פארלאזען אויף זייערע אייגענע כוחות. זיינען די ארבייטער גוט ארגאניזירט און קאמפפעהיג, וועלען זיי געווינען ניט בלויז אויפ'ן אפענעם שלאכטפעלד, נאר זיי וועלען אויסנוצען פאר זייערע אינטערעסען יעדע גינסטיגע סיטואציע. זיינען זיי אבער ניט ארגאניזירט און האבען ניט קיין אייגענעם כח, קענען זיי אפילו די בעסטע סיטואציע ניט אויסנוצען פאר זיך.

עס האבען פון דעם „ניו דיל" עפעס געוואונען די ארבייטער, וואס זיינען געווען גוט ארגאניזירט, האבען געהאט שטארקע יוניאנס. עס האבען אבער גארניט געוואונען די ארבייטער וואס זיינען ניט געווען ארגאניזירט.

און עס בלייבט דער אלטער כלל: אין ארגאניזאציע ליגט די הויפט מאכט פון די ארבייטער.

נאַנצען ניט געענדערט, נאָר מען טײַטשט זיי אויס אַנדערש. מען ענדערט די ווערטער בלויז, ווען עס פאַנגט אָן ווערען שווער זיי אויסצוטײַטשען. און זאָל מעקריר נאָלדס זיין צופרידען, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע זיינען פאַרלויפיג די ווערטער וועגען דער הייליגקייט פון פריי וואָס אייגענטום בלויז אַביסעל אַנדערש אויסגעטײַטשט געוואָרען. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען מען וועט זיי אינגאַנצען אויסמעקען, און ערשט דעמאָלט וועט ער זיין פולשטענדיג באַרעכטיגט צו שרייען, אַז זיין אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען.

***

עס איז געווען לייכט פאָראויסצוזעהען, אַז ווען מען האָט געהייסען דאָס ביסעל דרעסמאַכער פון דער קאָמוניסטישער יוניאָן זיך אויפלייזען און געהן צו דער אינטערנעשאָנעל, איז דאָס ניט געווען אַ ספּעציעלער דרעסמאַכער מאַניפעסט, נאָר אַז עס איז אָן אָנזאָג צו ליקווידירען די קאָמוניסטישע דואַל יוניאָנס אין אַלגעמיין. און עס איז געשעהן. נאָך דער קאָמוניסטישער דרעסמאַכער יוניאָן קומט איצט די קאָמוניסטישע פאַריערס יוניאָן. די פּראָצעדורע איז אומגעפער דיזעלביגע: מען שטעלט באַדינגונגען, מען פאָדערט פאַרהאַנדלונגען, ביידע צדדים זאָלען זיך צענויפקומען זיך דורכריידען, שאַפען אַ קאָאַליציע א. אז. וו. און וואָס וועט זיין ווען דער צווייטער צד וועט ניט וועלען פאַרהאַנדלען און וועט ניט וועלען קיין קאָאַליציע? דאָס איז איצט אָן איבעריגע פראַגע. די דרעסמאַכער האָבען שוין געוויזען דעם וועג וואָס מען טוט, ווען דער צווייטער צד זאָגט, אַז ער וויל ניט פאַרהאַנדלען. מען געהט דעמאָלט איינציגווייז און מען פאַרשרייבט זיך אין דער יוניאָן.

אמת, די לאַגע ביי די דרעסמאַכער איז געווען אַן אַנדערע. די קאָמוניסטישע דואַל יוניאָן איז באַשטאַנען פון אַ קליין הייפעלע, בעת די דרעסמאַער יוניאָן פון דער אינטערנעשאָנעל איז אַ ריזיגע אָרגאַניזאַציע. צי די דרעסמאַכער האָבען די קאָמוניסטען איבערהויפּט געהאַט ווייניג מזל. ביי די פאַריער האָבען זיי שוין געהאַט אַ סך אַ בעסערען מזל. געווען אפילו אַ צייט, ווען זיי האָבען געהאַט דעם קאָנטראָל איבער דעם גרעסטען טייל פון דעם פאָר טרעיד. און איך שטעל מיר דעריבער פאָר ווי געשמאַק עס איז אויפ'ן הארצען ביי די פיהרער פון דער קאָמוניסטישער פאַריערס יוניאָן צו ליקווידירען דאָס געשעפט. אָבער ווי זאָגט זיך עס דאָרטען אין אַן אָפּערעטקע — „אָרדערס איז אָרדערס". עס איז געקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע, אַז די קאָמוניסטישע דואַל יוניאָנס מוזען אויפגעגעבען ווערען און מען מוז דעם באַפעל פאָלגען.

איך מוז מודה זיין, אַז מיר געפעלט אָט די שטרענגע דיסציפּלין, און ווען די קאָמוניסטען וואָלטען אַזוי אָפּהיטען די דיסציפּלין פון די יוניאָנס אין וועלכע זיי וועלען אריינקומען נאָך דער אויפלייזונג פון זייע־רע דואַל יוניאָנס, וואָלט איך געזאָגט, אַז זיי זיינען העכסט ווילקאָמענע געסט. איז אָבער די מעשה, אַז זיי געהען אין די יוניאָנס ניט אָפּצוהיטען דאָרטען די דיסציפּלין פון דער יוניאָן, נאָר די דיסציפּלין פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און טאָן אין די יוניאָנס וואָס זי וועט זיי הייסען — עס הייסט אויפרייסען זיי פון אינעווייניג. וועט מען דעריבער דאַרפען האַלטען אַן אויג אויף זיי און זיי היטען.

נאָר אפשר האָט פּאַסירט אַ וואונדער — אמאָל קומען־פאַר וואונדער — און די קאָמוניסטישע פירערשאַפט אין מאָסקווע האָט באַשלאָסען, אַז עס איז גענוג ברעכען און רואינירען די ארבייטער באַוועגונג?

קען עס פּאַסירען? עס וואָלט זיך וועלען גלויבען, אַז וויינינגסטענס איז מען אין מאָסקווע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די יוניאָנס פון די ארבייטער דאַרפען ניט געבראָכען ווערען — ניט פון אויסווייניג און ניט פון אינעווייניג.

נו, עס קענען פּאַסירען אויף דער וועלט פאַרשידענע זאַכען, אָבער פאַרלויפיג וועט עס דאָך זיכערער זיין, אַז מען וועט האַלטען אָפען די אויגען און אויפפּאַסען. עפּעס האָב איך די ערפאַרונג, אַז ווען די קאָמוניסטען קומען עפּעס מיט נייעס מיינט עס געוויינליך נייע טראָבעל.

עס האָט געהייסען, אַז די פירער פון דער אַמעריקאַנער פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָבען זיך געלאָזט איבערבעטען פון פּרעזידענט רוזוועלט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מיט איהם צוקריגט וועגען דער באַנייאונג פון דעם קאָוד אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע. איך צווייפעל אָבער אויב מען איז טאַקע צוריק גוט געוואָרען.

עס איז אמת, אַז פּרעזידענט רוזוועלט האָט געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטען די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט פון אַמעריקע, ווען ער האָט אויפגענומען אין ווייסען הויז די עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און פּרעזידענט גרין איז געווען העפליך גענוג צו מאַכען אין זיין רעדע קאָמפּלימענטען רוזוועלט'ס אדמיניסטראַציע, אָבער מיט געגענזייטיגע קאָמפּלימענטען גלייכט מען ניט אויס קיין געגענגעזעצטע מיינונגען און אינטערעסען.

די באַנייאונג פון דעם אויטאָמאָביל קאָוד געגען די שאַרפע פּראָטעסטען פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, האָט באַוויזען, אַז דער איינפלוס פון אָרגאַנירטער ארבייט אויף רוזוועלט'ן איז אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

איינער פון די פיהרער פון די אָרגאַניזירטע אויטאָמאָביל ארבייטער האָט זיך פּרובירט טרייסטען, אַז ווען דער באַריכט פון דער אונטערזוכונגס קאָמיטע פון דער „נירא" אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע וואָלט אַביסעל פריהער פאַרעפענטליכט געוואָרען, וואָלט רוזוועלט זיכער ניט געהייסען באַנייען דעם אויטאָמאָביל קאָוד. די פאַקטען וואָס ווערען איבערגעגעבען אין באַריכט זיינען אַזעלכע הימעלשרייענדע, אַז זיי וואָלטען געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויפ'ן פּרעזידענט. אָבער איך גלויב, אַז די טרייסט איז אַ גאַנץ פאַלשע.

די פאַקטען פון דעם באַריכט זיינען טאַקע הימעלשרייענדע. די אומדערהערטע שפּיאָנאַזש, וואָס די באַלעבאַטים פון דער אויטאָמאָבל אינדוסטריע האָבען איינגעפיהרט אין זייערע פאַבריקען, די ריקזיכלאָזיגסטע פאַרפאָלגונגען פון די ארבייטער פאַר יעדער פּראָבע, וואָס זיי מאַכען זיך צו אָרגאַניזירען און פולשטענדיגע זעלבסטהערשאַפט און ווילקיר פון די באַלעבאַטים מאַכען איינפאַך אוממעגליך וועלכע עס איז זעלבסטשטענדיגע ארבייטער אָרגאַניזאַציע אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע. און ווען מען לייגט נאָך צו די מורא פון יעדען ארבייטער, וואָס איז נאָהענט צו דעם עלטער פון 40 יאָהר, ארויסגעוואָרפען צו ווערען פון דער אינדוסטריע צוליב אַלטקייט און די מורא פון יעדען ארבייטער פאַרשריבען צו ווערען אין די שווארצע ליסטען ביי די באַלעבאַטים פון דער אויטאָמאָביל פאַבריקען אינדוסטריע אויסגעשלאָסען ווערען אויף אַלעמאָל פון דער מעגליכקייט צו קריגען ארבייט אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ ווערט מען קען לייגען אויף די „פרייע" אָפּשטימונגען פון די ארבייטער אין די אויטאָמאָביל פאַבריקען. אָבער ווען די פאַקטען זיינען אַזוי הימעלשרייענד, טאָ איז עס מעגליך, אַז פּרעזידענט רוזוועלט האָט פון זיי אינגאַנצען גאָר ניט געוואוסט, ווען ער האָט געהייסען באַנייען דעם אויטאָמאָביל קאָוד? דער באַריכט פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע איז דאָך שוין געווען אינגאַנצען פאַרטיג, ווען רוזוועלט האָט געהייסען באַנייען דעם אויטאָמאָביל קאָוד. ער איז בלויז נאָך ניט געווען פאַרעפענטליכט אין די צייטונגען, אָבער האָט רוזוועלט זיך געדאַרפט ערשט דערמאָנען וועגען דעם אינהאַלט פון באַריכט, ווען ער איז געווען אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען? האָט דאָך רוזוועלט געדאַרפט זיין פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען פון דער אונטערזוכונגס קאָמיטע וואָס זי האָט דאָרטען אין איהר באַריכט, איידער ער האָט געהייסען באַנייען דעם קאָוד. און אין דער ווירקליכקייט האָט ער דאָך אפילו ניט געדאַרפט געהן אויסגעפינען. מען איז דאָך געקומען צו איהם און מען האָט איהם דערצעהלט. איז דאָך געווען אַ שטאַרקע נעגנערשאַפט אין פּרעזידענט רוזוועלט'ס אייגענער „נירא" צו באַנייען דעם אויטאָמאָביל קאָוד און

גאנצע פראגע וועט דארפן אויפגענומען ווערן נאך אמאל. אבער איך האב דא בלויז געוואלט אנווייזן, אז דער קאנגרעס איז פראגרעסיווער פון רוזוועלט'ן.

דאס וועט אויך האפענטליך זיך ארויסווייזן אין דער פראגע פון דער דרייסיג־שטונדיגער ארבייטס־וואך, און ווען עס וועט אויפגענומען ווערן די פראגע פון דעם רעכט זיך צו ארגאניזיר'ן. סענאטאר וואגנער'ס גע־זעצפארשלאג אין דעם פרט, הגם ער באפרידיגט ניט אינגאנצן דעם פארלאנג פון ארגאניזירטער ארבייט, פארטרעט ער דאך א פיל פראגרעסיווערע ריכטונג, ווי די רוזוועלט אדמיניסטראציע.

* * *

וועגען דער גאלד־פראגע קענען מיר, הייסט עס, שוין זיין רוהיג. דאס העכסטע געריכט פון לאנד האט באשלאסען, אז מען קען צאלן פאר גאלד באנדס אויך מיט דעם איצטיגען דאלאר, וואס איז ווערט בלויז 59 סענ פון דעם אמאליגען גאלדענעם דאלאר, און ממילא איז ניט די רעגירונג און ניט די פריוואטע קאמפאניעס מחויב צו צאלן פאר זייערע גאלד־באנדס מיט די פריהערדיגע גאלדענע דאלארס, וואס זיינען היינט ווערט א דאלאר מיט 69 סענט. ווען דאס העכסטע געריכט ניט ארויס א געגענגעזעצטע ענטשיידונג, עס הייסט, ווען ער הייסט צאלען מיט די אמאליגע דאלארס, וואלט דער אונטערשייד פאר דער רעגירונג און פאר די פריוואטע קאמפאניעס געווען אן ערך 75 ביליאן דאלאר און איהר פארשטעהט שוין אליין, אז עס וואלט געווען גרויסע צרות. און עס האט נאר ניט פיל געפעלט, אז אזא שלעכטע אנטשיידונג זאל ארויסגעגעבען ווערן. עס האט אפגעהאנגען בלויז פון איין שטים.

נאר האט די ענטשיידונג עפעס אויך א שייכות צו די ארבייטער?

מען דארף אויסגעפינען, אויב די ארבייטער האבען א סך גאלד באנדס. אויב א קלאוק מאכער אדער א דרעסמאכער, למשל, האט א הונדערט טויזענט־דאלארדיגע גאלד באנדס, האט ער דורך דער ענטשיידונג פון העכסטען געריכט געליטען א גרויסען שאדען. עס וואלט פאר איהם געווען א סך בעסער ווען דאס העכסטע געריכט גיט ארויס אן ענטשיידונג, אז מען דארף צאלען מיט גאלד. ער וואלט דעמאלט פאר זיינע הונדערט טויזענט־דאלארדיגע באנדס באקומען הונדערט מיט 69 טויזענט דאלאר, בעת איצט וועט ער קריגען בלויז הונדערט טויזענט דאלאר. אן אונטערשייד אין גאנצע 69 טויזענט דאלער. נאר אויב די ארבייטער האבען ניט קיין גאלד־באנדס איז עס פאר זיי קיין אונטערשייד ניט. און אזוי ווי איך האב געניגענדע אורזאכען צו גלויבען, אז די ארבייטער האבען ניט קיין גאלד־באנדס, העכסטענס האבען זיי עס פון די קאאפעראטיווע הייזער, וואס האבען שוין לאנג באנקראטירט, האט דעריבער צו זיי די גאנצע ענטשיידונג ניט קיין דירעקטען שייכות. פאר די ארבייטער איז אין דעם מאמענט די וויכטיגסטע פראגע אויב פון דער ענטשיידונג וועט ווערען מעהר ארבייט און עס וועלען זיך פארגרעסערען זייערע פארדינסטען, און דאס זעהט זיך ניט.

אין אלגעמיין קען קיינער ניט זאגען באשטימט אויף וויפיל די אלע מאכינאציעס פון דער רעגירונג מיט'ן דאלאר האבען עפעס געענדערט. אין דער ענטשיידונג פון העכסטען געריכט וועגען דער גאלד־פראגע ווערט אנגעגעבען דער ארגומענט, אז קיינער האט גארנישט פארלארען פון דעם וואס מען האט פון דעם פריהערדיגען פול־גאלדענעם דאלאר געמאכט א דאלאר וואס האט אין זיך בלויז 59 סענ גאלד, און ממילא קען קיינער ניט פאדערען, אז מען זאל אים צאלען לויט'ן חשבון פון פריהערדיגען גאלד־דאלאר, וואס מאכט איצט אויס א דאלאר מיט 69 סענט. די 69 סענט וועט איינפאך זיין אן אומזיסטער פראפיט וואס האט ניט קיין בארעכטיגונג. נאר אויב קיינער האט גארנישט פארלארען, וואס פון די פריהערדיגע הונדערט סענט איז אין דאלאר געבליבען בלויז 59 סענט, האט דאך אויך קיינער דערפון גארנישט געוואונען. ווארים אויב קיינער פארלירט ניט קען קיינער ניט געווינען. היינט צו וואס האט מען די גאנצע ענדערונג געדארפט?

עס ווערט אבער אנגעגעבען, אז די רעגירונג ווייניגסטענס, האט פון דער ענדערונג געוואונען ארום דריי־האלבען ביליאן דאלאר געלד שוין דערפון אליין, וואס זי דארף ניט געבען פאר איהר פאפירענעם דאלאר א שטיקעל גאלד, וואס איז ווערט הונדערט סענט, נאר זי קען איהם אויסקויפען מיט א שטיקעל גאלד, וואס איז ווערט בלויז 59 סענט גאלד, און ממילא קען קיינער ניט פאדערן, האט אימיצער דאך געמוזט פארלירען. איינער קען דאך ניט געווינען ווען קיינער פארלירט ניט. אגב וואלט דער חשבון פון דעם געווינס געווען ריכטיג, ווען די רעגירונג וואלט טאקע געגעבען א שטיקעל גאלד פון 59 סענט ווערט פאר יעדען פאפירענעם דאלאר וואס מען וואלט איהר געבראכט, פונקט ווי זי פלעגט פריהער געבען א שטיקעל גאלד פון הונדערט סענט ווערט פאר יעדען פאפירענעם דאלאר. דער אמת איז דאך אבער, אז די רעגירונג גיט איצט אינגאנצען ניט קיין גאלד פאר פאפירענע דאלארס, קיינער טאר דאך אפילו קיין גאלד־געלד ניט האלטען. ער מוז עס ברענגען צו דער רעגירונג און אויסבייטען אויף פאפיר־געלד. און אויב אזוי, איז עס דאך באמת בלויז א טעארעטישער געווינס.

* * *

נאר איך בין דא ניט אויסען קלענער צו מאכען דעם פלאנטער פון דער גאלד־פראגע. מיר האט פיל מעהר אינטערעסירט די מיינונג פון די פיר ריכטער, וואס האבען געהאלטען, אז די רעגירונג קען זיך ניט באפרייען פון איהר פארשפרעכען צו צאהלען איהרע באנדס מיט גאלד־דאלארס און אין ועמענס נאמען עס האט גערעדט מעקריינאלדס. ער האט אויסגעשריען, אז מיט דער ענטשיידונג, וואס די מאיאריטעט פון העכסטען געריכט האט ארויסגעגעבען וועגען דער גאלד־פראגע, האט זי אפגעשאפט די קאנסטיטוציע פון אמעריקע.

אט דער ריכטער מעקריינאלדס מעג טאקע זיין א זעהר קאנסערוואטיווער מענש, אבער וואס איז שייך צו דער קאנסטיטוציע פון אמעריקע איז אין דעם פרט די לאגיק אויף זיין זייט. ער האט בלויז אביסעל איבערטריבען, ווען ער האט געזאגט, אז מען האט אינגאנצען איהר אפגעשאפט. ער האט געדארפט זאגען, אז מען האט איהר געמאכט א גאנץ גרויסע אפעראציע, אז מען האט איהר אראפגענומען א פוס, אדער ארויסגעשניטען א זייט.

די הייליגקייט פון פריוואט אייגענטום איז איינער פון די וויכטיגסטע יסודות פון דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע און מיט דער הייליגקייט פון פריוואט אייגענטום איז אייננ פארבונדען די הייליגקייט פון קאנטראקט. עס איז דעריבער קלאר, אז ווען מען מאכט מיט איינעם א קאנטראקט, אז מען וועט איהם צאהלען מיט גאלד דאלארס, וואס האבען אין זיך פאר הונדערט סענט גאלד און מען צאהלט איהם שפעטער בלויז 59 סענט גאלד, האט מען איהם איינפאך ניט דערצאהלט 41 סענט. און דאס מיינט איינפאך, אז מען האט צוגענומען א טייל פון זיין אייגענטום.

איז עס רעכט פאר מיר, וואס איך זאג, אז די רעגירונג מעג עס, ווייל איך גלויב, אז פריוואט אייגענטום איז ניט קיין הייליגע אינסטיטוציע וואס טאר ניט אנגערירט ווערען. אין געגענטייל, איך גלויב, אז מען דארף די אינסטיטוציע פון פריוואט אייגענטום אינגאנצען אפשאפען. אבער מעקריינאלדס גלויבט ניט אזוי. אפילו רוזוועלט אליין גלויב ניט אזוי. מעקריינאלדס איז דעריבער אין גרונד גערעכט, ווען ער שרייט, אז מען האט איהם אפגעשאפט זיין קאנסטיטוציע.

נאר ווען ריכטער מעקריינאלדס וועט נאכטראכטען וועגען דעם ענין קאנסטיטוציע אין אלגעמיין, וועט ער אפשר געפינען א טרייסט. ווען ער וועט א בלעטער טאן די געשיכטע און וועט נאכזעהן ווי אזוי קאנסטיטוציעס ווערען געמאכט און ווערען אפגעשאפט, וועט ער קומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז גאר ניטא אזא זאך ווי די הייליגקייט פון א קאנסטיטוציע. אז עס ענדערען זיך די צושטענדען אין א לאנד ענדערט זיך אויך איהר קאנסטיטוציע. עס מאכט ניט אויס, אויב מען ענדערט די ווערטער אין איהר: מען קען לאזען די ווערטער איב־

ביים און מוזן זיך און זייערע פאמיליעס ערנעהרען פון מטכען קלאוקס, דרעסעס און עהנליכע בגדים. פאר מיר איז עס א קלארער באוויז, אז דאס וואס איז גוט פאר דעם גארמענט טרייד איז אויך גוט פאר אנדערע טריידס און אינדוסטריען.

פונקט אזוי קלאר איז אונזער שטאנדפונקט צו דער פראגע וועגן אווערטיים־ארביים. אווערטיים דארף, לויט אונזער מיינונג, אבסאלוט פארבאטען ווערען אזוי לאנג ווי עס הערשט ארבייטסלאזינקייט אין אן אינדוסטריע. עס איז א פאקט, אז די ערלויבניש פון אווערטיים אפילו אין ברען פון סעזאן איז אויך מסוגל צו פארניכטען די רעגולערע באשעפטיגונג, וואס די קאודס זוכען צו דער־גרייכען. בלויז אבסאלוטער פארבאט פון אווערטיים וועט בכח זיין אויסצושפרייטען דעם ארבייטס־סעזאן און די דאזיגע ווירקונג וועט ברענגען מעהר ארבייט פאר אלע אנשטאט א סך ארבייט פאר עטליכע. עס וועט אויך אויף א סך פארקלענערען דעם אווערהעד־עקספענס פאר די מאנופעקטשורערס.

מיר האבען אין אונזער אינדוסטריע צונויפגעקליבען א סך ערפאהרונג. מיר האלטען, אז די קאודס דארפען אנטהאלטען מינימום ווידזש קלאסיפיקאציעס פאר אלע קרעפטען. אין דעם פרויען גארמענט קאוד, וואס איז פארמולירט און אויסגעארבייט געווארען מיט דער דירעק־טער באטייליגונג פון אונזער ארגאניזאציע, זיינען טאקע פאראן אזעלכע פארשריפטען פאר אלע קאטעגאריעס אר־בייטער אין אונזער אינדוסטריע. די פונדאמענטאלע מינימום ווידזשעס, וואס מיר האבען אין אט די קאודס, זיינען געמאכט געווארען צו באווארענען די אומגעלערנטע ארבייטער. פאר דער גאר גרויסער מאיאריטעט פון אר־בייטער אין יעדען טרייד צווייג האבען מיר אבער קלא־סיפיצירטע ווידזש־סקיילס, וואס זיינען באזירט לויט די פארשיידענע קרעפטען אין אונזער אינדוסטריע. דער רע־זולטאט דערפון איז, אז אין די דאזיגע טריידס האבען מיר באוויזען צו פראטעקטען דעם ארבייטס־לוין מצד די קוואליפיצירטע באלמלאכעס. יענע וואס פארטיידיגען דעם „סינגעל ווידזש סקייל" און זיינען געגען דעם קלא־סיפיצירטען ווידזש־סקייל לאזען איבער די מאיאריטעט פון ארבייטער אין יעדען טרייד אהן א גואל, און די ארבייטער ווערען איבערגעלאזט צו דער באסועמליכקייט פון די איינזייטיגע אינטערעסען פון די באלעבאטים.

עס איז דא געכטען באהויפטעט געווארען, אז אפילו אין אינדוסטריען וואו עס עקזיסטירען ניט קיין קוואלי־פיצירטע ווידזשעס, נאר בלויז איין מינימום ארבייטס־לוין, ווערט דער מינימום ניט אנגעווענדט אלס מאקסימום און אז דער דאזיגער מינימום איז בלויז פאראן פאר די ניט־קוואליפיצירטע ארבייטער. די ווירקליכקייט ווייזט אונז אבער גראד דאס פארקערטע. דער רעפארט פון סטאטיסטישען דעפארטמענט פון דעם קאטען גארמענט קאוד אויטאריטי באווייזט, אז אין דער דאזיגער אינדוס־טריע זיינען די לאנגזאמערע ארבייטער ארויסגעשטופט געווארען פון די פעקטארים און אז דער פונדאמענטאלע־מינימום־לוין איז בלויז געצאהלט געווארען צו די מעהר קוואליפיצירטע ארבייטער און דער מינימום איז אויף אזא אופן געווארען דער מאקסימום.

מיר האבען די דאזיגע געפאהר פאראויסגעזעהן ווען אונזערע קאודס זיינען פארפאסט געווארען, און בלויז א דאנק דעם פאקט, וואס מיר האבען געהאט אן ארגאני־זירטע אינדוסטריע, האבען מיר איינגעפיהרט דעם קווא־ליפיצירטען ווידזש־סקייל ניט נאר אלס א טייל פון אונ־זערע אגרימענטס נאר אויך אלס א פונקט אין די קאודס.

דורך דעם פאקט, וואס מען האט פארפעהלט צו פארזיכערען ארבייטס־לוין קוואליפיקאציעס האט מען גע־שאפען א מעגליכקייט פאר אומאנשטענדיגער קאנקורענץ. ערלויבט מיר אייך צו געבען א נעהערינע אילוסטראציע. יאהרען־לאנג האבען מיר געהאט א פראדוקציאנס־מארקעט פון קלאוקס, דרעסעס און „אנדערוועאר" אין דעם געגענד נאהענט צו ניו יארק, וואס לויפט אומגעפער פון הארט־פארד, קאנעטיקוט, ביז ארא צו קעמדען, ניו דזשוירזי. דרייסיג טויזענט מענשען, מייסטענס יונגע פרויען, הא־בען געארבייט אין אט די פעקטארים, וואס זיינען ביז 1933 באטראכט געווארען אלס דער שווארצער פונקט, דער סוועט שאפ־נעסט פון דער גארמענט אינדוסטריע. זיי פלעגען ארבייטען צווישען 60 און 70 שטונדען א וואך; זיי האבען פארדינט גרויזאם קליינע ווידזשעס און די ארבייטס־באדינגונגען אין אלגעמיין זיינען ממש גע־ווען אומערטרעגליך. אין 1933 האבען מיר ארגאניזירט דיזע פרויען און האבען אין זייערע שעפער איינגעפיהרט אנשטענדיגע ארבייטס־באדינגונגען. זיי האבען א קאוד, וואס אנטהאלט ארבייטס־לוין־קוואליפיקאציעס, וועלכע ווע־רען אפגעהיט אין לעבען. וואלטען מיר ניט געהאט קיין ארבייטס־לוין קוואליפיקאציעס, ווייסט איהר וואס עס וואלט געשעהן מיט די פארדינסטען פון די דרייסיג טויזענט פרויען וואס זיינען באשעפטיגט אין די דאזיגע שטעדט? ווייסט איהר וואס עס וואלט פאסירט מיט די ארבייטער וואס ארבייטען אין די גרעסערע מארקעטס פון ניו יארק, באסטאן, פילאדעלפיא און אנדערע שטעדט? ווייסט איהר וואס עס וואלט מיט זיי אלעמען געשעהן ווען מיר וואלטען געהאט בלויז איין „סינגעל בייסיק סקייל"? ניט בלויז וואלט דער מינימום געווארען א מאקסימום אין זייער פאל, נאר ער וואלט אויך דעמאראליזירט די גאנצע אר־בייטס־לוינען סיטואציע און וואלטען געשיקט צום טייוועל דעם ארבייטס־לוין מצב, וואס מיר האבען אויסגעקעמפט פאר די ארבייטער אין די וויכטיגסטע צענטערען איבער דעם גאנצען לאנד.

רייךענדיג וועגען אט דעם פונקט דערמאן איך זיך אן דעם דזשענטעלמען, וואס האט דא געכטען גערעדט פאר דער קאנעקטיקוט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, און וועלכער האט מיט אזא ביטערקייט זיך באקלאגט אויף די ווידזש־קלאסיפיקאציעס אלס א טייל פון קאוד. דער דאזיגער הער האט דא ערקלערט, אז קוואליפיצירטע ווידזשעס זיינען אויסגעפרואווט געווארען אין ענגלאנד, אין פראנקרייך און אזש אין כינע און האבען זיך איבער־ראל ארויסגעוויזען פאר א דורכפאל. דערלויבט מיר איהם בלויז צו דערמאנען אזעלכע שטעדט ווי ניו הייווען, הארט־פארד, ברידזשפארט און נארפאלק. זיי אלע געפינען זיך אין זיין אייגענעם סטייט קאנעקטיקוט, און אין די דא־זיגע שטעדט פארדינען טויזענטער קלאוק־ און דרעס־מאכער אן אנשטענדיגען ארבייטס־לוין, ווייל די קאודס שרייבען פאר קוואליפיצירטע ווידזשעס.

ערלויבט מיר איצט צו באריהרען אן אנדער פונקט. מיר באשטעהען נעמליך דערויף, דאס די ארבייטער מוזען האבען א רעכט זיך צו באטייליגען אין דער אויסארבי־טונג און אין די אויסבעסערונגען פון די קאודס. עס איז א פעסטגעשטעלטע טאטזאך, דאס די ארבייטער הא־בען ניט קיין פארטרויען אין אזעלכע קאודס, וואס זיי־נען פארפאסט און אויסגעארבייט געווארען אהן דער פארטרעטערשאפט פון די ארבייטער און זיינען דורכגע־פיהרט געווארען פון די באלעבאטים אליין. דאגעגען, האבען ארבייטער פארטרויען אין קאודס, וואס זיינען פארפאסט און אויסגעארבייט געווארען מיט דער באטי־ליגונג פון ארבייטער־פארשטעהער. זיי האבען פארטרויען נאר אין אזעלכע קאודס, וואס פארזיכערען דעם ארבי־טער „קאלעקטיוו בארגיינינג", קורצע שטונדען, קוואליפי־צירטע ווידזשעס און א מעגליכקייט אז די קאודס זאלען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. און איצט, אז מיר ריידען שוין וועגען פארסירען די קאודס, וויל איך אייך זאגען דאס פאלגענדע: מיר האבען א ברייטע און זעהר אינטערעסאנטע ערפאהרונג בנוגע דער פארווירקליכונג פון די קאוד־רעגולאציעס אין לעבען, וואס איז אין אלגעמיין באקאנט אלס „קאוד קאמפלייענס".

מיר האבען אויסגעפונען פאר אבסאלוט אמת, דאס אין אזעלכע קאודס אין וועלכע מיר האבען געהאט פאר־טרעטער ביי דער קאוד אויטאריטי זיינען די קאוד־פאר־שריפטען צו א זעהר גרויסען טייל דורכגעפיהרט געווארען טראץ דעם וואס זיי האבען אנטהאלטען פארהעלטניס־מעסיג העכערע ווידזש־קוואליפיקאציעס פון די 35־שטונ־דיגע ארבייטס־וואך. דאגעגען זיינען די פארשריפטען פון קאודס אין דער פרויען באקליידונגס אינדוסטריע וואו מיר האבען ניט געהאט קיין פארטרעטער ביי דער קאוד־אויטאריטי פארגוואלדיגט און פארלעצט געווארען כמעט

די דרייסיג־שטונדיגע ארבייטס־וואָך

א רעדע פון דוד דובינסקי, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל

געהאַלטען דעם 1טען פעברואַר 1935 ביים עפענטליכען פאַרהער אין וואַשינגטאָן וועגען דעם ארבייטסלאָזען־פּראָבלעם פאַר דער „נעשאַנאַל אינדאַסטריעל ריקאָווערי באָארד".

איך רעד אין נאָמען פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, וועלכע האָט פאַראויסגעזעהן און האָט געהאַט דאָס גליק אָנצופאַנגען די עפּאָכע פון דעם „ניו דיעל" אויף דער גרונדלאַגע פון אַ 35־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך פאַר 175 טויזענט מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר 75 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבייטערשאַפט וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער פרויען באַקלײדונגס־אינדוסטריע. איך רעד אין נאָמען פון אַן אָרגאַניזירטער אינדוסטריע, וואָס האָט קלאַסיפיצירטע ווידזשעס אין אַלע וויכטיגע צווייגען פון טרייד. אין מיינע באַמערקונגען וועל איך זיך באַמיהען פאַר אייך אַרויסצוברענגען די ערפאַהרונגען, וואָס מיר האָבען געוואונען ביי דער באַטייליגונג אין די וויכטיגסטע קאָוד־אויטאָריטיס, וואָס פונקציאָנירען אין דער אינדוסטריע.

ערלויבט מיר גלייך אין אָנפאַנג אייך צו זאָגען, אַז איך שרייב זיך אונטער פאָלשטענדיג אָן וועלע ניט אין רעזערוואַציעס אונטער דעם פּרינציפּ פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, דאָס בלויז די קירצערע אַרבייטס־וואָך איז מסוגל צו לייזען דעם אָנגעוועהטאָגטען פּראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט און צו באַזאָרגען מיט דזשאָבס די מיליאָנען אַרבייטער, וואָס געהען ארום אָהן אַרבייט. אין אונזער אייגענער אינדוסטריע האָבען מיר דעם דאָזיגען פּרינציפּ אָנערקענט נאָך לאַנג בעפאָר די איצטיגע דעפּרעסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען. מיר האָבען שוין דעמאָלט פעסטגעשטעלט, אַז די קירצערע אַרבייטס־וואָך איז די איינציגע לייזונג פאַר דער אַרבייטסלאָזיגקייט. אין 1923 איז אונזער טרייד געווען איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען אין אַמעריקא, וואָס האָט איינגעפיהרט די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך כדי צו לייזען די פראַגע פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט וואָס האָט זיך דערמאָלט געגומען פון דער איינפיהרונג פון לייכטערע סטיילס אין דער פרויען באַקלײדונגס אינדוסטריע און דורך דער איינפיהרונג פון טעכנישע פאַרבעסערונגען אין דער אינדוסטריע. און דאָך האָבען מיר ביז אין דער העלפט פון 1933 געהאַט צעהנדליגער טויזענטער אַרבייטסלאָזע אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיאַ, באָסטאָן און אין אַלע אַנדערע מאַרקעטס פון דער פרויען באַקלײדונגס־אינדוסטריע. עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבען געהאַט אַן אַרבייטס־וואָך וואָס האָט באַטראָפען צווישען 40 שטונדען אין די אָרגאַניזירטע צענטערס און 55 און 60 שטונדען אין די ניט יוניאָניזירטע געגענדען. די פאַרקירצונג פון אַט די אַרבייטס־שטונדען צו אַ 35־שטונדיגער וואָך האָט גלייך געשאַפען אַ פעלד פאַר אַרבייט געבענדיג דזשאָבס צו טויזענטער אַרבייטער וועלכע האָבען ביז דאַמאָלט ניט געקענט באַקומען קיין שום אַרבייט אין די שעפּער.

אָבער אַפילו איצט, טראָץ דער איינפיהרונג פון דער 35־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך, איז נאָך אַלץ פאַראַן אַן אַרבייטסלאָזיגקייט אין דער פרויען באַקלײדונגס־אינדוסטריע. יאָ, עס זיינען נאָך איצט פאַראַן טויזענטער אַרבייטער, וואָס האָבען ניט קיין שטענדיגען דזשאָב אין אונזער אינדוסטריע, און מיר זיינען אַבסאָלוט איבערציינט אַז קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר די קירצערע אַרבייטס־וואָך קען געבען אונזער אינדוסטריע אַ מעגליכקייט צו פאַרצערען די אַרבייטסלאָזע אַרמעע פון מענער און פרויען, וואָס זיינען אָפּהענגיג צו מאַכען אַ לעבען פון אונזער אינדוסטריע; וועלכע קענען ניט קיין אַנדער אַרבייט...

טאָקע צוליב די הימעלשרייענדע פאַקטען, וועלכע זיינען געווען אַלעמען באַקאַנט.

און אַט דעריבער גלויב איך ניט, אַז די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זיך ווירקליך איבערגעבעבטען מיט רוזוועלט'ן.

* * *

נאָר אין דער צייט, ווען די אַרבייטער קריגען זיך מיט'ן פּרעזידענט וועגען אויסבעסערען זיין „ניו דיל" קומען די פעדעראַלע ריכטער און שאַפען איהם איינגאַנצען אָפּ. די אַרבייטער פאַרלאַנגען, אַז דער פּאַראַגראַף 7אַיי זאָל אַזוי אויסגעבעסערט ווערען, אַז זייער רעכט זיך צו אָרגאַניזירען אין יוניאָנס זאָל ניט קענען באַשטריטען ווערען און זאָל ניט קענען צונישט געמאַכט ווערען, קומט אָבער אַ פעדעראַלער ריכטער אין דעלאַווער און זאָגט, אַז דער גאַנצער פּאַראַגראַף 7אַיי איז אונקאָנסטיטוציאָנעל, אַז קאָמפּאַניע יוניאָנס זיינען געזעצליך און ממילא קומט עס נאָרניט די קאָמפּאַניעס, אַט ווי די ווירטאָן שטאָל קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט איהרע אַרבייטער און וועלכע פאַרפאָלגט איהרע אַרבייטער פאַר אָרגאַניזירען זיך. און אַ צווייטער פעדעראַלער ריכטער אין קענטאָן האָט אַרויסגעגעבען אַן אינדזשאַנקשאָן, אַז די „נירא" האָט ניט קיין רעכט צו זאָגען וואָס פאַר אַן אַרבייטסלוין מען דאַרף צאָהלען אין דער ווייכער קוילען אינדוסטריע, ווייל דער קאָנגרעס האָט קיין רעכט ניט אָנצונעמען געזעצען וואָס רעגולירען דעם אַרבייטס־לוין. עס הייסט, אַז דער מינימום אַרבייטס־לוין וואָס רוזוועלט האָט איינגעפיהרט דורך זיין „ניו דיל" איז אויך אונקאָנסטיטוציאָנעל.

וואָס בלייבט, אַלזאָ, פון דעם „ניו דיל" נאָך די אַנטשיידונגען פון די דאָזיגע פעדעראַלע ריכטער? עס בלייבט, אַז די באַלעבאַטים מעגען טאָן וואָס זיי ווילען מיט זייערע אַרבייטער און די אַרבייטער קענען זיך בלויז פאַרלאָזען אויף זייערע אייגענע כוחות.

דאָס איז אייגענטליך אויך אַזוי געווען, איידער די פעדעראַלע ריכטער האָבען אַרויסגעגעבען זייער אַנטשיידונג. האָט גאָרמאַן, פון דער יונייטעד טעקסטיל אַרבייטער יוניאָן, אויף דעם פאַרהער פון דער קאָנגרעס אַרבייטער קאָמיטע געזאָגט וועגען דעם קאַמף פון די טעקסטיל אַרבייטער:

„מיר האָבען געטראָגען בלויז, וואָס מיר זיינען געווען בכח צו נעמען און ניט מעהר. עס האָט געהייסען, אַז מען גיט אונז דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירען, אָבער מיר האָבען דאָס דאָזיגע רעכט געטראָגען בלויז דאָרטען, וואו מיר האָבען עס געקענט צווינגען".

ער האָט דעריבער באַוויזען, אַז די יוניאָן האָט אָפּגעשטעלט דעם טעקסטיל סטרייק אויף דעם גרונט פון געוויסע פאַרשפּרעכונגען פון דער רעגירונג, וועלכע זיינען געווען גינסטיג פאַר די אַרבייטער, אָבער ווען דער סטרייק איז געווען פאַריבער, האָבען די באַלעבאַטים ניט אויסגעפירט די פאַרשפּרעכונגען פון דער רעגירונג. די אַרבייטער זיינען פּשוט סקאַנדאַליעז אָפּגענאַרט געוואָרען.

נאָר דאָס מיינט ניט, אַז די אַרבייטער דאַרפען זיך באַציהען גאַנץ גלייכגילטיג צו די אַנטשיידונגען פון די פעדעראַלע ריכטער וואָס מאַכען די גאַנצע „נירא" צו גאָרנישט. אין געגענטייל. די אַרבייטער דאַרפען אָנפאַנגען אַ גאַנץ ענערגישען קאַמף פאַר זייערע רעכטען.

וואָס איז שייך צו די אַנטשיידונגען פון די פעדעראַלע ריכטער, וועט די רעגירונג אַפּעלירען צום העכסטען געריכט, אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. דער קאַמף פון די אַרבייטער דאַרף זיין פאַר אַ נייעם „ניו דיל" וואָס זאָל שיצען זייערע רעכטען אויף אַן אמת.

וואָס איז דען ניט די אַרבעטער־זאַך?

פון ש. יאַנאָווסקי

איהר מיינט אפשר, אַז די איינציגע זאַך, וואָס זאָל און דאַרף אינטערעסירען די אַרבעטער, איז: וויידזשעס, שטונדען, און דאָס אַלעס. דאָס איז אָבער אַ גאַנץ שמאָלער קוק אויף די אַרבייטער און זייערע אינטערעסען. אין דער אמת'ן זיינען די אינטערעסען פון די אַרבייטער פיל, פיל ברייטערע, אויב איהר וועט נאָר ניט פאַרגעסען, דאָס אחוץ דעם, וואָס איינער אָדער איינע זיינען אַרבייטער, זיינען זיי אויך מענשען, וועמעס אינטערעסען זיינען אָדער ריכטיגער דאַרפען זיין, אַזוי ברייט ווי די וועלט.

איך האָב די טעג געהאַט די געלעגענהייט איבערצולייענען דעם רעפּאָרט פון דער אינטערנעשאָנאַל־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אויף וועלכער איך האָב לײדער פּערזענליך ניט געקענט זיין. איך האָב איבערגעלייענט אַלעס אין דעם רעפּאָרט מיט אַ גאַנץ באַזאָנדערען אינטערעס, און מעהר פון אַלץ דערפאַר, ווייל די קאָנווענשאָן איז ניט געווען פון אַן ענגען שמאָלען כאַראַקטער, וועלכע האָט געהאַט אין אויג בלויז די אינטערעסען פון די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער און אַלע איהרע אַנדערע מעמבערס אין די שעפּער, נאָר האָט ניט אויסגעלאָזען פון אויג אַזעלכע אינטערעסען, וועגען וועלכע, כאָטש מען קען ניט זאָגען, אַז זיי האָבען אַ דירעקטע שייכות מיט די אינטערעסען פון דער גרויסער מעמבערשיפּ, דאָך אין אַ ברייטערען זין זיינען זיי שוין פון גאָר אַ גרויסען אינטערעס.

נעמט, למשל, דעם באַשלוס צו באַקעמפען דעם פאַשיזם אין אַלע זיינע געשטאַלטען און פאָרמען — יאָ, געגען דיקטאַטור אין אַלגעמיין, און פאַר וואָס עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו זאַמלען גאָר אַ גרויסען פאָנד. אַ טרייד יוניאָן פיור ענד ״זימפּעל, וואָס האָט נאָר אין זינען וויידזשעס, קען פרעגען מיט רעכט: „פאַר וואָס זאָל איך אָוועקגעבען מיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע סענטען פאַר אַזאַ מין קאַמף, וואָס אינטערעסירט מיך גאָרנים? אָדער: „פאַר וואָס זאָל מיין אינטערנעשאָנאַל געבען 250 דאָלאַר פאַר עפּעס אַן אַנאַרכיסטישען רויטען קרייץ, וואָס מיינט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי הילף פאַר די פאַרפאָלגטע אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד? וואָס געהט עס מיך אָן?"

אָבער צום גליק האָב איך ניט געפונען אין דעם גאַנצען רעפּאָרט פון דער קאָנווענשאָן קיין איינציגען פּראָטעסט פון קיינעם, פון אירגענד וועלכען דעלעגאַט. און דאָס איז פאַר מיר, ווי פאַר יעדען איינעם, וואָס איז נאָר ניט בלינד און וויל זיך ניט טשעפּען צו קליינינקייטען און קריכען אויף גלייכע ווענט, דער שטאַרקסטער באַוויז, אַז ווער, ווער אָבער אונזער אינטערנעשאָנאַל האָט גאַנץ ווייניג, אויב זי האָט איבערהויפּט אַזאַ עלעמענט, פון יענע קורצזיכטיגע טרייד־יוניאָניסטן, וועמעס אינטערעסן זיינען אַזוי באַשרענקט, אַז מעהר ווי זייערע נאָהענטסטע אינטערעסען זעהען זיי ניט.

פאַר מיר איז עס אויך געווען אַ ריין פּערזענליכע פרייד צו לייענען, דאָס די קאָנווענשאָן האָט ניט פאַרגעסען אָפּצוגעבען גרויסען כבוד די געהאַנגענע אַנאַרכיסטען אין שיקאַגאָ אין דעם שוואַרצען יאָהר 1887, און גאָרנים מורא געהאַט פאַר דעם פחדנישען: „מה יאמרו הגויים", און האָבען דורך אָט דער דעלעגאַציע נאָך די וואַלדהיים־בית־עולם, וואו עס רוהען אונזערע גרויסע קעמפער, דעקלאַריר־ט די גרויסע פאַרבינדונג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג מיט אָט די שיקאַגאָ'ר מאַרטירער.

זאָל נאָר דער לעזער, איבערהויפּט דער נייער לעזער, ניט דרינגען פון אָט די ווערטער מיינע, אַז איך אונטערשעץ אויף דאָס מינדעסטע די מאָמענטאַנע, דירעקטע אינטערעסען פון די אַרבייטער. אָ ניין, איך האַלט שוין פון דעם נאָך שטאַרק. אָבער איך באַשטעה אויף דעם, אַז אָט די דירעקטע אינטערעסען טאָרען ניט און קענען ניט זיין דער אָנהויב און דער סוף פון אַלץ, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אַרבייטער'ס מוח. דער אמת איז, דאָס אין גאָר פילע פעלע מוז דער אמת־גוטער טרייד־יוניאָניסט פאַרזעהן אָט די די־עקטע אינטערעסען. למשל, ניט אַלע מאָל געווינט דער אַרבייטער, אַרויסגעהענדיג אין קאַמף געגען זיינע עקספּלואַטאַטאָרס. אָפט פאַרלירט ער גאָר. ווען ער זאָל אַלזאָ אימער האָבען אין אויג זיינע דירעקטע, מאָמענטאַנע אינטערעסען, וואָלט ער קיינמאָל ניט געסטרייקט, יאָ, קיינמאָל קיין טרייד־יוניאָניסט ניט געווען, ווי דאָס איז טאַקע דער טרויעריגער פאַל מיט די גאָר גרעסטע צאָהל אַרבייטער, וועלכע זעהען ניט, קענען ניט זעהן, וואָס די יוניאָן קען טאָן פאַר זיי, אויסער נעמען פון זיי דיוס. דער אמת'ער טרייד־יוניאָניסט מוז נעמען אין אנבאַטראַכט אינטערעסען, וועלכע זיינען גאָרנים קיין דירעקטע און מאָמענטאַנע, כדי טאַקע צו באַשיצען וואָס בעסער זיינע מאָמענטאַנע אינטערעסען.

דערפאַר וועט יעדער ציל־באַוואוסטער אַרבייטער נאָר שטאַרק זיך אינטערעסירען ניט נאָר מיט אַזעלכע פראַגען, וועלכע האָבען אַ נאָהענטע שייכות מיט זיינע אינטערעסען, ווי דאָס איז, צום ביישפּיל, די איצט זעהר וויכטיגע פראַגע וועגען סאָציאַלער פאַרזיכערונג, און וועלכע פאָרמען זי זאָל אָננעמען, ווייל דאָס איז טאַקע שטאַרק נוגע זיינע אינטערעסען, און ניט נאָר וועט דער ציל־באַוואוסטער טרייד־יוניאָניסט זיך פאַראינטערעסירען גאַנץ שטאַרק מיט אָט דעם סכסוך, וואָס געהט אָן צווישען אונזער פרעזידענט רוזוועלט און אונזער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָס מען האָט שוין לאַנג געקענט פאָראויסזעהן, און איז ערשט אויסגעבראָכען גאַנץ שטאַרק צוליב דעם אויטאָמאָביל־קאָוד, וועלכען אונזער פרעזידענט האָט ווייטער פאַרלענגערט ביז דעם נעקסטען דזשון געגען דעם ווילען פון די אַרבייטער, און פון די אַלע אַרבייטער־אינסטיטוציעס, וועלכע רוזוועלט אַליין האָט איינגעפיהרט פאַר דעם שוץ פון די אַרבייטער, נאָר ער וועט זיך שטאַרק פאַרטראַכטען וועגען דעם קאָוד פון זיין איינענער יוניאָן, און ער וועט זיך ניט פאַרוויגען אין צופיל זיכערקייט...

וועדליג מיר דאַכט זיך, האָט אונזער פרעזידענט דורך דעם איינציגען פאַל אַרויסגעוויזען זיך אין זיין ריכטיגען געשטאַלט, אַלס דער באַשיצענדער מלאך פון קאַפּיטאַל, און נאָר אַ קנאַפּער פריינד פון די אַרבייטער, ניט אַכטענדיג אויף זיינע שעהנע פּאַלירטע פראַזען.

פון דעם דאָזיגען פאַל וועט דער דענקענדער טרייד־יוניאָניסט קענען לערנען נאָך עטוואָס. אחוץ רוזוועלט'ן האָט די אַרבייטער־באַוועגונג געגען זיך צוגעקראָגען נאָך צוויי שונאים, און דוקא אַזעלכע וועלכע האָבען ערשט ניט לאַנג געהאַט די רעפּוטאַציע פון גרויסע אַרבייטער־פריינד. איך רייד דאָ פון דעם לאַיער ריטשבערג, וועלכער איז איצט די רעכטע האַנט פון רוזוועלט'ן, און דער געוויסער דר. וואָלמאַן. דער ערשטער איז פאַר אַ לאַנגע רייהע פון יאָהרען געווען דער לאַיער פון די אייזענבאַהן־אַרבייטער, און ער האָט זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אַלס אַרבייטער־קעמפער. דאָסזעלבע איז דער פאַל מיט דר. וואָלמאַן. ווייניגע וואָלטען פון איהם געוואוסט, ווען ניט זיין פאַרבינדונג מיט דער אַמאַלגאַמייטער. און איצט האָבען זיי זיך אַרויסגעוויזען, ווי וויליאַם גרין זאָגט עס גאַנץ קלאָר, אַלס פשוט'ע פאַררעטער צו די, וועלכע האָבען זיי געהאָלפען אַרויפצוקלעטערען אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון לייטער. זיכער, די אַרבייטער האָבען גאָר פיל צו לערנען פון אָט דעם פאַל, כאָטש דער פיור ענד סימפּעל טרייד יוניאָניסט קען זיך אָפּזאָגען דעם באַקאַנטען פסוק: „אי שוד וואָררי".

זאָל דאָ דערמאָנט ווערען אין קורצען נאָך עטוואָס, וואָס דאַרף זיין פון אַ גאַנץ באַזאָנדערען אינטערעס פאַר

זיי האבען בלויז איין גרונט מינימום וויידזש פון 13 דאלאר א וואך און לענגערע ארבייטס־שטונדען. איך בין דערפאר פעסט איבערצייגט, אז דער ערשטער באדינג פאר דער דורכפיהרונג פון קאוד פארשריפטען איז די ארביי־טער־באטיילינג אין דער קאוד־אויטאריטי, און אז די ארבייטער־פארטרעטער דארפען באזיצען די גלייכע רעכט פון אינדוסטריעלער פארטרעטערשאפט. דאס, איז לויט מיין מיינונג, דער שליסעל צו דעם גאנצען פראבלעם פון דער קאוד־אויפפאסונג און דורכפיהרונג אין לעבען.

ווען דער „ניו דיעל" איז צום ערשטען מאל פ.ר.א־קלאמירט געווארען האט עס געהייסען, אז עס וועט גע־שאפען ווערען אזוי צו זאגען א פארטנערשיפ צווישען דער אינדוסטריע און דער ארבייטערשאפט אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. ווי אזוי קוקט די דאזיגע פארטנערשיפ אויס היינט צו טאג? ווער איז נאך מעהר מסוגל צו פארווירקליכען און דורכצופיהרען די ארביי־טער־פארשריפטען פון די קאודס ווי די ארבייטער גופא? ווער נאך האט דען אזא אינטערעס אין די ארבייטער־פארשריפטען, וואס פארוואלטען אן אינדוסטריע ווי די ארבייטער אליין? וואס פאר א נוטען גלויבען קען האבען די אדמיניסטראציע ווען זי באזייטיגט דורך פארשיידענע הינטער־וועגען די באטיילינג פון די ארבייטער אין די קאוד־אויטאריטיס? קאוד אויטאריטיס דארפען אבסא־לוט זיין פאראנטווארטליך פאר די קאוד פארשריפטען; זיי דארפען פארלאנגען אז עס זאלען געשאפען ווערען גענוגענדע פינאנציעלע מיטלען אויפצוהאלטען א סטעף פון אונטערזוכער און א געהעריגער אויפפאסונגס־אפאראט. זיי דארפען פון דער רעגירונג געהאלטען ווע־רען פאראנטווארטליך בנוגע דער ווירקליכער דורכפיה־רונג פון די קאוד־פארשריפטען. אבער אפילו דעמאלט ווען די קאוד־אויטאריטיס וועלען געהאלטען ווערען פאר־אנטווארטליך קען אן אמת'ע קאוד ווירקונג כלויז דע־גרייכט ווערען דורך א שנעלערער ערלעדיגונג פון די קאוד־קייסעס, קאוד־פארלעצונגען דארפען פארפאלגט ווערען דורך א לעגאלער האנט פון דער רעגירונג. די ארבייטער האבען פארלארען דעם צוטרויען צו די קאודס צוליב דער פארצויגענער טאקטיק, וואס די אדמיניסטרא־ציע ווענדט אן פעסטצושטעלען די פארלעצונגען. אזוי ווי עס ווערט איצט פראקטיצירט, קענען די באלעבאטים פארלעצען דעם קאוד אהן מורא.

צום סוף וויל איך זאגען, אז אויב מען וויל צוריקגעווינען די ארבייטערס' פארטרויען אין דער נ.ר.א. מוז די רעגירונג פארפאלגען אלע פארלעצונגען געגען סעקשאן 7איי. איצט פיהלען די ארבייטער, אז דער פאר־שפרעכען פון דער נ.ר.א. איז ניט אויסגעפיהרט געווארען. די באלעבאטים פארלעצען דעם פונקט פון די פארשריפ־טען פון פאראגראף 7איי מיט דעם באוואוסטזיין אז עס וועט זיי דערפאר גארניט געשעהן. מיר האלטען, אז א מאנופעקטשורער, וואס זינדיגט געגען דעם פונקט 7איי, איז פונקט אזא פארלעצער פון געזעץ ווי דעמאלט ווען ער פארנוואלטיגט אנדערע פארשריפטען פון קאוד. פונ־דעסטוועגען איז אלגעמיין באקאנט, דאס סעקשאן 7איי איז אם ווענגסטען אויפגעפאסט געווארען און איז א צום מינסטען פארנאכלעסיגטער טייל פון דעם נאציאנאלען ריקאווערי געזעץ.

ווען איך האב מיך דא צוגעהערט צו די פארשיידענע פארלאנגען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון פארטרע־טער פון דער אינדוסטריע, אז די קאודס זאלען זיין פרייוויליגע און אז מיר זאלען זיך פארלאזען אויף דער קאאפעראציע פון די באלעבאטים, האב איך זיך געוואונ־דערט וואס די דאזיגע הערען שרייבען אונז צו אזא קור־צען זכרון. לאמיר נאר א קוק טאן וואס עס איז געשעהן מיט אט די קאאפעראציעס פון די באלעבאטים. אין מערץ 1934 האט דער פרעזידענט — דערשראקען פון דעם כסדר'דיגען וואוקס פון ארבייטסלאזיגקייט — זיך גע־ווענדעט צו דער אינדוסטריע און זייערע פארוואלטער, אז זיי זאלען פארקירצען די ארבייטס־שטונדען און מאכען פלאץ פאר נייע ארבייטס־הענט. נו, האט די אינדוסטריע געענטפערט אויף דעם פרעזידענט'ס רוף אין א גייסט פון קאאפעראציע? „טוט עס איצט!" בעט זיך דער פרעזידענט ביי די פארוואלטער פון דער אינדוסטריע כדי צו סטימולירען ארבייטס־מעגליכקייטען פאר די וואס געהען ארום לעדיג — נו, איז די אינדוסטריע געווען וויליג פרייוויליג צו שניידען ארבייטס־שטונדען אלס אן ענט־פער אויף דעם פרעזידענט'ס אפיל? קיין איין־איינציגע אינדוסטריע האט ניט געענטפערט אויף דעם פרעזידענט'ס ווענדונג. און טראץ דעם וואס עס איז שוין אוועק א יאהר צייט האט קיין איינציגע אינדוסטריע אפילו ניט געמאכט די קלענסטע באמיהונג צו קירצען די ארבייטס־שטונדען. דאגעגען, איבעראל דארט וואו עס זיינען גע־מאכט געווארען אזעלכע פארזוכען זיינען די באמיהונגען סאבאטאזשירט געווארען פון די אינדוסטריאליסטען. ער־לויבט מיר אייך אנצואווייזען אויף א קאנקרעטען ביי־שפיל:

לעצטען אויגוסט האט פ.רעזידענט רוזוועלט ארויס־געגעבען אן ארדער צו פארקירצען די ארבייטס־שטונדען אין דער קאטען גארמענט אינדוסטריע פון 40 אויף 36 שטונדען א וואך כדי דאדורך צו שאפען אן ארט אין די פעקטאריס פאר ארבייטסלאזע מענשען. נו, האבען די קאטען גארמענט מאנופעקטשורערס געענטפערט אויף דעם עקזעקוטיוו ארדער פון פרעזידענט אין א גייסט פון פריי־וויליגער קאאפעראציע? עס הויבט זיך ניט אן! זיי האבען חדשים־לאנג אנגעפיהרט א קאמף געגען דעם פרע־זידענט'ס ארדער און צום סוף זיינען זיי געגאנגען צו דעם סופרים קאורט פון דיסטריקט אוו קאלאמביא פאר אן אינדזשאנקשאן אפצושטעלען דעם ארדער פון פרעזי־דענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. זיי האבען עס געטאן, אבער אהן ערפאלג, ווייל דער קאורט האט זיי קלאר און דייטליך ערקלערט אז עס איז ניט נאר לויט דעם גייסט פוו דער נ.ר.א. דעם פרעזידענט'ס רעכט צו קירצען די ארבייטס־שטונדען, נאר עס איז נאר זיין פליכט אזוי צו טאן. דער דאזיגער פאל שיינט אויף אין מיין זכרון ווען איך הער דא די גוטע און שעהנע רייד וועגען פריי־וויליגע קאודס און קאאפעראציע. דער איינציגער וועג וואס קען העלפען די סיטואציע איז, לויט מיין אבסא־לוטער מיינונג, דער איינפאכער וועג וואס איז גאראנ־טירט דורך דעם געזעץ.

איך רייד דא אין נאמען פון אן ארגאניזאציע, וועלכע איז געווען די ערשטע איינצופיהרען די קירצערע ארבייטס־וואך אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע אלס א מיטעל צו שאפען באשעפטיגונגען פאר איהרע ארבייטסלאזע מיט־גלידער. מיר זיינען דעריבער אנטשיידען און מיט דעם גאנצען הארצען פאר דער דרייסיג שטונדיגער ארבייטס־וואך אלס דעם איינציגען פארלעסליכען מיטעל וואס קען געבען ארבייט צו מיליאנען ארבייטס־מענשען. אויב די אינדוסטריע וועט ניט ערפילען די פרימיטיווע פליכט וואס ליגט אויף איהר וועלען די ארבייטער צוזאמען מיט אלע קאנסטרוקטיווע עלעמענטען פאדערען פון קאנגרעס, אז ער זאל די 30־שטונדיגע ארבייטס־וואך מאכען פאר א געזעץ אין אונזער עקאנאמישען לעבען.

אנערקענונגס־רעזאלוציע

מיר, די ארבייטער פון טול דזשיין דרעס שאפ האבען דאנערשטאג אווענט, דעם 24טען יאנואר, ביי א שאפ מי־טינג אין אפיס פון דער יוניאן, אין דער אנוועזענהייט פון אונזער ביזנעס אגענט ראזי מירסקי, פרעזענטירט אונ־זער שאפ טשערמאן דזשא סינגער מיט א סעט סילווער (עס־צייג). עס איז די אנערקענונג פאר זיין גוטע ארבייט און איבערגעבענהייט צום שאפ אין די אינטערעסען פאר די ארבייטער.

קאמיטע: היימאן סירא, בעני פלאטניק, אירווינג פלאטניק, מאיר לאזאו, אסתר בארמאן.

די וועלף און די שעפסען

(נאך קרילאוו)

פון נחום י.

די שעפסען איז דאס לעבען שוין ניט איינגעגאנגען:
די חוצפה פון די וועלף איז אזוי וויים דערגאנגען,
אז די רעגירונג פון די חיות, סוף־כל־סוף,
געמוזט האט איינשטעלען זיך פאר די שאף.
איז צוליב דעם האט מען אין וואלד אין טיפען
צונויפגערופען אן אסיפה.
אויף דער אסיפה, אמת, האבען וועלף געהאט
דעם גרעסטען צד,
און זיינען זעהר שטארק פארטראטען דארט געוועזען...
נאר ניט אויף אלע וועלף דאך געהט א שלעכטער שם!
אט האבען מיר פיל מאל געזעהן,
און האבען ניט פארגעסען
די ביישפילען וואס האבען דא מיט וועלף פאסירט,
וואס זיינען רוהיג פארביי סטאדעס דורכגעגאנגען
און האבען, זאטערהיים, קיין שעפסעל ניט באריהרט!
וואלט דאך אן עולה זיין גאר צו פארלאנגען
זיי זאלען דארט
ניט האבען גאר קיין ווארט...
געוויס, מען דארף די שאף דורכאויס ניט שטיקען, —
מען טאר דאך אבער אויך די וועלף ניט אונטערדריקען!
הכלל, מען האט אויף דער אסיפה לאנג געטראכט
און ענדלאך האט מען דארט אזא געזעץ געמאכט,
איך גיב איהם דא אייך איבער ווארט־אין־ווארט גענומען:
„ווי נאר א וואלף וועט אין דער סטאדע קומען,
און וועט זיך דארטען מיט א שעפס ניט שעהן
באגעהן, —
דאס הייסט, ער וועט איהר ווירדע און איהר רעכט פארלעצען,
איז גאר ניט קוקענדיג אויף דעם פארברעכער'ס שטאנד,
האט דאן די שעפס אין האנד
די פולע מאכט פון די געזעצען
דעם וואלף צו כאפען פאר'ן קארק, און איהם מיט גוואלד
אוועקשלעפען צום משפט גלייך אין וואלד"...
אט האט איהר דעם געזעץ, קיין זאך ניט צוגעגעבען
און ניט פארפעלט, פון אנהויב ביז'ן סוף.
נאר כאטש מען זאגט אז וועלף באקומען יע א שטראף,
דאך זעהען מיר נאך עד־היום אין לעבען,
אז ווער עס זאל דער שולדיגער ניט זיין,
אלץ ווערען שעפסעלעך פארשלעפט אין וואלד אריין.

איז דער פאל אין רוסלאנד, אין דייטשלאנד און אין פילע אנדערע לענדער. דא, אין אמעריקא, — און מיר מעגען עס זאגען מיט שטאלץ, — איז דער לעבען פון איינעם, וועמען מען האלט פאר דעם גרעסטען אויסוואורף פון דער מענשהייט, דאך חשוב, אז מען זאל מיט איהם מאכען א קורצען פראצעס און איהם אפהאקען דעם קאפ, און די אַרבייטער, וועלכע, אפשר, מעהר ווי אלע אנדערע נויטיגען זיך אין דעם געפיהל פאר גערעכטיגקייט, ווייל דערוויל פעהלט זיי נאך די נויטיגע מאכט, וועלכע מאכט אפילו דאס אומרעכט פאר רעכט, מעגען זיכער האבען א גאר שטארקען אינטערעס אין אט דעם הויפטמאן־פראצעס, ווייל יעדער איינער פון זיי קען דאך דורך א פאראייניגונג פון אלערליי אומגליקליכע אומשטענדען זיין אין דער ראליע פון א ברונא הויפטמאן.

עס קען זיין, אז אונזער פרעסע צובלאזט שוין די דאזיגע סענסאציע גאר צו שטארק, אבער דאך איז עס אלץ בעסער, ווי דאס טויט־שווייגען פון אזעלכע בלוטיגע רציחות ווי אין רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך און איבעראל, וואו די פאַ־שאַלטענע דיקטאטור האט זיך אריינגעכאפט.

עס איז אלזא פאר מיר קלאר, אז די אינטערעסען פון די ארבייטער זיינען גארניט אזעלכע שמאלינקע, ווי גאר קורצזיכטיגע מענשען ווילען עס האבען. די אינטערעסען פון די ארבייטער זיינען אזוי ברייט, אזוי גרויס און אזוי טיף ווי די וועלט. און אלץ, וואס איז מענשליך, איז אויך פון דעם גרעסטען אינטערעס פאר די ארבייטער.

דעם רענקענרען ארבייטער. די טעג האט אויסגעבראכען
אן איינטאגיגער סטרייק פון די טימסטערס און טראק
דרייווערס, צוואנציג טויזענט אין צאהל, אלס א סטרא־
שונאק געגען אן אינדזשאנקשאן, וואס זייערע באלע־
בתים האבען געסטראשעט ארויסצוקריגען געגען זייער
יוניאן און פאר די באשיצונג פון סקעבעריי.

נו, די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל וויסען,
אז איך האלט זעהר ווענינ פון סטרייקס געגען דעם ווילען
פון די יוניאן־פיהרער. מעהר נאך, איך האב אפט פאר־
דאמט און שטארק ארויסגעטראטען געגען אזעלכע סטרייקס.
און דאס האב איך געטאן נים צוליב מיין פריינדשאפט
צו די פיהרער, נאר פיל מעהר צוליב מיין פריינדשאפט
צו דער יוניאן און צו דער גאנצער מעמבערשיפ, ווייל
איך וויים, אז דער אנפאנג פון א רואינע פאר דער יוניאן
איז דער מיסטרויען צו דער פיהרערשאפט מצד דע־
מעמבערשיפ. איך וויל דא אבער זאגען, אז דער ריכ־
טיגער פיהרער וועט טאן זיין בעסט, אז עס זאל קיינמאל
נים קענען קומען צו אזא מרידה, און אז ער זאל נארגים
וויסען דערפון ביז דאס האט שוין פאסירט. אין דער
יוניאן אבער פון די טימסטערס איז עס מעגליך געווען,
אז צוואנציג טויזענד ארבייטער זאלען ארויס אין סטרייק,
יא, האבען באשלאסען אן איינטאגיגען סטרייק, און די
יוניאן־פיהרער האבען דערפון גארנים געוואוסט, ווי זיי
האבען עס אליין עפענטליך ערקלערט. איז וועדליג מיר
דאכט זיך האבען אזעלכע פיהרער עפענטליך זיך ער־
קלער צו זיין נים אויף זייער ריכטיגען פלאץ, אלס פיה־
רער פון א יוניאן. פיהרער, וועלכע האבען פארלארען
אין גאנצען זייערע באציהונגען מיט דעם פיהלען און
דענקען פון דער גרויסער מעמבערשיפ, זיינען נים קיין
פיהרער, נאר אן אומגליק פאר דער יוניאן. זיי זיינען
דאס די גרויסע צרה, וועלכע מאכט פלאץ אין דער יוניאן
פאר די לומפינע דעמאגאגען, און וויליאם גרין האט דורך
זיין באגריסונג צו די צוואנציג טויזענד סטרייקער ארויס־
געוויזען, אז ער האט דעם ריכטיגען חוש פון דעם ריכ־
טיגען ארבייטער־פיהרער, און דערמיט געגעבען א קאפוליער
אנצוהערעניש די לאקאלע פיהרער פון דער יוניאן אז זיי
מעגען זיך אפטראגען באצייטענס.

נו, אודאי וועט דער לעזער זאגען, דארף דאס אלעס
זיין פון דעם גרעסטען אינטערעס פאר די ארבייטער,
ווייל דאס איז דאך אלץ אמת'ע ארבייטער־אינטערעסען.
און איך שפאר זיך פשוט אין אן אפענער טיר, ווען איך
פארברייט זיך איבער דעם. דערפאר וויל איך ברענגען
איינינע פאסירונגען פון דעם לעצטען מאנאט מאקע,
וועלכע קענען זיך איינעם אפדוכטען צו זיין פון נאר א
קנאפען אינטערעס פאר די ארבייטער, און וועלכע זיינען
זיכער פון אזא באדייטונג, ווי דאס האבען נים אפילו
געווייסע מאמענטאנע אינטערעסען.

איהר האט אודאי געלייענט וועגען דעם פאטש
אין פנים, וואס רוזוועלט האט געקראגען מיט דעם, וואס
זיין וואונש, אז אמעריקא זאל זיך אנשליסען אן דעם
וועלט־געריכט האט דער סענאט דערוויל צופאטשקעט.
איז ארט מיר גאנץ ווענינ פאר רוזוועלט'ס כבוד. אויך
נעהם איך זיך נים שטארק צום הארצען, וואס אמעריקא
איז דערוויל נים געווארען קיין מעמבער פון דעם וועלט־
געריכט. איך דענק נים, אז דורך דעם וואלט עטוואס
בעסער ארער בלויז אנדערש געווארען. דער פאקט איז,
אז דער „וואָרלד קאורט” איז בלויז א נאמען פאר עט־
וואס, וואס האט געזאלט זיין און איז נים. ווארים וואלט
ריכטיג געווען א וועלט־געריכט, וואלט ער דען געקענט
כאפען א שוויג איבער די שוידערליכקייטען, וועלכע זיי־
נען פארגעקומען אין גאר פילע לענדער, וועמעס בירגער
די ריכטער פון אט דעם וועלט־געריכט זיינען?

איז קיין גרויסער אומגליק נים דאס, וואס אמעריקא
איז נאך אלץ געבליבען אין איהר „גלענצענדער אפגע־
זונדערטקייט”. אבער אז מען בארעכענט, דאס איינע פון
די גרויסע און טיפע אורזאכען פון דעם איצטיגען עלענד
איבער גאר דער וועלט איז דער פארפלוכטער נאציאנא־
ליזם, ווי דאס האט זיך ארויסגעוויזען אזוי כולט דורך
דעם פלעביסציט פון די זארלענדער צו ווערען ווידער
דייטשען, וואלט געווים בלויז נאר אזא זשעסט פון אמע־
ריקא ארייצוטרעטען אלס מעמבער אין דעם „וואָרלד־
קאורט” געווען פון גרויסער באדייטונג. אבער די דזשינ־
גאס פון דעם סענאט האבען דאס נים דערלאזען, און איך
פרעג: איז דאס א פאסירונג, וועלכע דארף גארנים אינ־
טערעסירען די ארבייטער?

אדער נעמט דעם באשלוס פון אונזער יונייטעד
סטייטס סופרים קאורט, וועלכער, כאטש ער קען נים
פארבאהאלטען דעם פאקט, אז די ריכטער און די דזשורי
און די גאווערנארס פון קאליפארניא זיינען ווייט נים
קיין פיינע מענשען האלטענדיג דעם אומשולדיגען מוני
אין פריזאן פאר גאנצע אכצעהן יאהר, דאך האט ער
זיך אפגעזאגט אליין איבער־צונעמען דעם פאל פון מוני,
און עס ווידער איבערגעלאזט אין די הענט פון זיינע פאר־
פאלגער, ווייסענדיג, אז דאס איז ווידער א מעשה פון
יאהרען. דאס איז געווים א שרעקליכע שטיק היפאקריט־
סטווא, וואס קען אונזער העכערען געריכט קיין פיל כבוד
נים פארשאפען, אבער מעהר פון אלץ איז קלאר אז פון
וועמען, וועמען אבער פון דעם סופרים קאורט פון די
פאראייניגטע שטאטען קענען די ארבייטער, אונטער די
בעסטע און גינסטיגסטע אומשטענדען, ווענינ גוטעס ער־
ווארטען. ער וועט אימער זיין אויף דער זייט פון די
מאכט־האבער. און זיכער איז דאס אויך א פאל, וואס
דארף און מוז זיין פון א גרויסען אינטערעס פאר די
ארבייטער. ווער וויים, אויב דער סופרים קאורט וואלט
אין דעם מוני־פאל נים אנדערש געהאנדעלט, ווען ער
וואלט געוואוסט, אז די ארבייטער אין אמעריקא האבען
א פיל גרעסערען אינטערעס אין דער קיים, ווי זיי האבען
עס ארויסגעוויזען ביז איצט.

און זאל דא נאך איין פאל באריהרט ווערען, וועלכער,
לוים מיין מיינונג, דארף זיין פון גאר א גרויסען אינ־
טערעס פאר די ארבייטער, כאטש פילע וועט עס אויסזעהן
גאנץ קאמיש, ווען איך וועל דערמאנען דעם פאל.

איך רייד דא פון דעם הויפטמאן־פראצעס, וועלכער
האט זיך נאר־וואס פארענדיגט אין פלעמינגטאן. פאר
מיר איז דער פראצעס וויכטיג נים דערפאר, ווייל עס
האנדעלט זיך דא וועגען אזעלכע פראמינענטע פאמיליעס,
ווי דאס זיינען די לינדבערג־ און די מארא־פאמיליעס.
פאר מיר, און, ווי מיר שיינט, פאר די ארבייטער, איז
דער פראצעס פון גרוים וויכטיגקיים, ווייל דער אנגעקלאג־
טער איז אן ארבייטער.

ווען איהר האט נאר אין זינען, אז דער דאזיגער
הויפטמאן איז צוגענומען געווארען פון זיין לעהרע, אלס
קארפענטער, ווען ער איז אלט געווען בלויז 17 יאהר;
ווען איהר וועט א טראכט טאן וועגען די אלע לײדען,
וואס ער איז אויסגעשטאנען אין די אלע יאהרען ווען ער
איז געלעגען אין די טרענטשעס, און, ווי נים קענענדיג
קריגען עפעס צו טאן נאכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען
פון דער מלחמה, האט ער זיך געמוזט נעמען צו אלערליי
פארברעכענס, אום ווי עס איז צו לעבען. ווען איהר
נעמט דאס אלעס אין אנבאטראכט, איז אפילו ווען מען
זאל אננעמען, אז ער איז טאקע שולדיג אין דעם פאר־
ברעכען, אין דעם שוידערליכען פארברעכען, אין וועלכען
ער ווערט אנגעקלאגט, דאכט זיך מיר, אז אט דער שוי־
דערליכער פארברעכער טרעט ניכער אויף אלס אנקלעגער
געגען אונזער גאנצען עקעלהאפטען לעבען. עס איז דאך
קיין פראגע נים, אז אט דער הויפטמאן איז א גאנץ
פעהיגער מענש, און אויב דאס לעבען האט פון איהם
געמאכט דאס וואס ער איז, איז ער זיכער גארנים קיין
קלענערער קרבן, ווי די לינדבערג־בייבי, וועלכע ער זאל
האבען געקידנעפט און דער'הרג'עט.

מענען אנדערע זעהן אין דעם פראצעס בלויז א
פוסטע סענסאציע, אדער, ווי אנדערע זאגען, בלויז די
מענשליכע נידערטרעכטיגע לוסט צו זעהן א מענשען גע־
פייניגט און זיך ראנגלען מיט'ן טוים. איך באטראכט
עס פון א גאנץ אנדער שטאנדפונקט. פאר מיר איז
דער פראצעס א קלארער באווייז, אז דער מענשליכער
לעבען ביי אונז איז נאך גארנים אזוי הפקר, ווי דאס

מזרח־ווינקעל פון אייראפע, האט מען פלוצים דערפיהלט די צוזאמענגעבונדענקייט פון דער גאנצער וועלט־ווירטשאפט. וויבאלד עס זיינען געפאלען די פרייזען אויף דער תבואה־בירזשע פון שיקאגא, זיינען רומענישע פויערים פלוצים אראפגעשלידערט געווארען אין א ווירטשאפטליכער קאטאסטראפע, האבען נישט געקענט באצאהלען קיין חובות, נישט געקענט קויפען די פראדוקטען פון דער יונגער רומענישער אינדוסטריע.

אט עטליכע ציפערן, וואס ברענגען ארויס דאס גאנצע גרויסע אומגליק, וואס האט פאסיר מיט דער רומענישער נאציאנאל־ווירטשאפט: אין יאהר 1929 האט רומעניע עקספארטירט אין אויסלאנד אריבער 150,000 וואגאן תבואה און אפגעלייזט קנאפע 8 מיליארד ליי; אין יאהר 1932 זיינען שוין פארקויפט געווארען אין אויסלאנד קנאפע 250,000 וואגאן תבואה, אבער אפגעלייזט זיינען געווארען בלויז 6 מיליארד ליי (לויט'ן אפיציעלען קורס איז 1 דאלאר גליך 100 ליי), ד. ה., פארקויפט מעהר תבואה מיט 66 פראצענט, איינגענומען ווייניגער געלד מיט 25 פראצענט. שפעטער איז די סיטואציע נאך מעהר פארשלעכטערט געווארען (די סאמע לעצטע ציפערן האב איך נישט פאר זיך). די אונערשטע שורה איז, אז לויט די אפיציעלע אויסרעכענונגען איז געפאלען די „קויף־קראפט” פון דער פויערישער באפעלקערונג מיט גאנצע 59 פראצענט.

אין דערזעלבער צייט האבען זיך געלאזט פיהלען די ווירקונגען פונ'ם קריזיס אויף דער אינדוסטריע. פון 1929 ביז 1933 איז צוריקגעגאנגען דער ווערטה פון דער אינדוסטריעלער פראדוקציע מיט 38.5 פראצענט. דער ארבייטס־לוין איז געפאלען אין דערזעלבער צייט מיט 35.1 פראצענט. אזוי ווי די יונגע רומענישע אינדוסטריע האלט אויך פון יענע מאדערנע, „מענשענפריינדליכע מאשינען, וועלכע ארבייטען וואס שנעלער מיט מאטארישען כוח און שטופען ארויס וואס מעהרער מענשליכע ארבייטס־הענט, איז באלד אויסגעוואקסען אין רומעניע א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט. אין דעם קליינעם לאנד מיט זיינע 18 מיליאן איינוואוינער, מיט אן ארבייטער־באפעלקערונג פון סך הכל 1 מיליאן מענשען, צעהלען זיך ביי א פערטעל מיליאן ארבייטסלאזע. אזוי ווי די מלוכה גיט די ארבייטסלאזע נישט קיין שום שטיצע, הייסט דאס — מאסען־עלענד און פארצווייפלונג. לויט די אפיציעלע ציפערן פונ'ם ארבייטס־סטאטיסטישען אמט אבער, באקומט זיך דאס פאלגענדע בילד: אין יאהר 1929 זיינען אויסגעפאלען פער קאפ פון יעדען לוין־ארבייטער 2 „פערד־קראפט”־איינהייטען מאטארישען מאשינען כוח; אין יאהר 1933 פאלען שוין אויס 3.3 „פערד קראפטען” אויף יעדען ארבייטס־מענש. ס'איז אומעטום איין וועלט: מענשליכע ארבייטס־הענט ווערען ארויסגעשטופט — מאטארישע „פערד” פארנעמען זייער ארט.

די בעראטונגען פונ'ם קאנגרעס האבען געוויזען, אז פון אלע קאמפען, וואס זיינען געפיהרט געווארען אין די לעצטע 3 יאהר, האבען 70 פראצענט געהאט פאר א ציל: נישט פארבעסערען די ארבייטס־באדינגונגען, נאר דערהאלטען די אלטע נידעריגע לוינען נעגען דעם אנגריף פון די אונטערנעמער, וועלכע האבען געהאלטען אין איין רייסען פון די אזוי אויך נידעריגע לוינען.

צווישען די באגריסונגען אויפ'ן קאנגרעס האט פיגורירט אויך די פראגע וועגען איינהייטליכען פראנט מיט די קאמוניסטען. דער סעקרעטער פון דער ס. ד. פארטיי, גענ. ראדעטשאני, האט אין זיין רעדע צו אט דעם פונקט געוויזען, אז פאר דער יוניאן־באוועגונג שטעהט נישט קיין פראבלעם וועגען פאראייניגען „פראנטען” פון באוועגונגען מיט פארשידענע פראגראמען, נאר — וועגען שאפען איינהייטליכע ארגאניזאציעס. אין רומעניע, וואו עס זיינען נישט פאראן קיין קאמוניסטישע יוניאנס, האט די גאנצע פראגע צוליב דעם נישט קיין פראקטישע באדייטונג. אין דערברייטער דיסקוסיע, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען ארום דעם דאזיגען פונקט, האבען צו אט דעם שטאנדפונקט צוגעשטימט כמעט אלע רעדנער.

די אנגענומענע באשלוסען פונ'ם קאנגרעס שטעלען ארויס א רייה וויכטיגע פאדערונגען צו דער רעגירונג, אויף וועלכע מיר קענען זיך דא נישט באזונדער אפשטעלען (ארבייטער־פארזיכערונג, קאמף נעגען ארבייטסלאזיגקייט און אנד.).

נאכדעם ווי דער קאנגרעס האט פארענדיגט זיינע בעראטונגען, האט דער אלטער אנגעזעהענער פיהרער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, מיליע מאסקאוויטש, געהאלטען א באגייסטערטע שלוס־רעדע, זאגענדיג צווישען אנדערע, אז אין דעם ים פון בארבארישען שאוויניזם, אין וועלכען די וועלט ווערט היינט פארטראגען, איז דער קאנגרעס פון דער רומענישער „קאנפעדעראציע פון ארבייט” א געוואלדיגע אינטערנאציאנאלע מאניפעסטאציע פון ניי־אויפגעלעבטען פראלעטארישען כוח.

אט די קורצע ווערטער כאראקטעריזירען די באדייטונג פונ'ם אפגעהאלטענעם ארבייטער־קאנגרעס אין רומעניע מעהרער ווי גרויסע ציטונגס־ארטיקלען וואלטען עס געקענט טאן.

דער וואוקס פון דער דרעס מאכער יוניאן זינט דעם גענעראל סטרייק

פון פיליפ קאפ

סעקרעטער־טרעזשורער דזש. באארד דרעס מאכער יוניאן.

דער צענזוס, צוזאמענגעשטעלט פון דעם רעקארד־דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט א צווייזייטיגען אינטערעס.

די קראפט פון אונזער יוניאן איז אלעמאל געבוירען געווארען אין א סטרייק און אויף דער פיקעט ליין. אבער דער ענטוזיאזם פון קאמף האט זיך אימער פארקלענערט מיט דעם צוריקקעהר צו דער ארבייט. די מיטגלידערשאפט פלעגט איינשרומפען און מיר פלעגען פארלירען אונזערע געווינסען. אבער אלעמאל איז איבערגעבליבען א גרופע, ביי וועמען עס איז פארבליבען א פונק פון ענטוזיאזם, ארום וועמען עס האט זיך געווארימט דער וואנדערענדער עלעמענט.

די צווייטע וויכטיגקייט פון דעם צענזוס ליגט אין דער אומסטאבילישעט פון אונזער אינדוסטריע. יעדען יאר געהען הונדערטער פירמעס ארויס פון ביזנעס און אנדערע פארנעמען זייער פלאץ. דעריבער באוועגט זיך די ארבייטער מאסע אויף דעם זעלבען אופן. מען גלויבט דעריבער אז ארום 20 פראצענט פון די ארבייטער בייטען זיך יעדען יאהר אין דער אינדוסטריע. די פארדינסטען אין די דרעס שעפער זיינען גרעסער ווי אין די אנדערע טריידס, און די ארבייטער אין די קינדער באקלידונגס־שעפער, אונטערוועש און אנדערע שעפער פליסען אריין צו די דרעס פירמעס. דאס שטענדיגע בייטען זיך מאכט פיעל שאדען צו דער יוניאן סטאבילישעט און מאכט די ארגאניזאציאנס ארבייט פיעל שווערער.

דעריבער איז עס אזוי וויכטיג ווען די ציפערן באווייזען א פארגרעסערונג אין דער מיטגלידערשאפט אכצעהן מאנאטען נאך א גענעראל סטרייק.

דער צענזוס האט אן אינטערעסאנטע געשיכטע. איך בין געווארען סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם דרעס דזש. באארד אין אקטאבער, 1933. מען האט געפאדערט אז איך זאל אויסארבייטען א צענזוס פון יעדען לאקאל פון דעם דרעס דזשאינט באארד פאר א פראפארציאנעלען פלאן פון אויסנאבען. די לאקאלס נאך דעם סעטלמענט פון דעם גענעראל סטרייק זיינען געוועזען שטארק פארנומען. עטאבלירען דעם אפאראט צו פארנעמען זיך מיט דער פארגרעסערטער צאהל מיטגלידער איז געוועזען א שווערע פראבלעם, אבער עס איז געפונען געווארען אן אויסוועג צו באשטימען די צאהל מיטגלידער פון 1טען נאוועמבער, 1933. עס האט געזאלט גענומען ווערען א נייער צענזוס איז איינגעבר... פין לעצטען יאהר, אבער פילע לאקאלס זיינען געווען שטעם מיט זייערע פארצייכנישען און עס איז אפגעלייגט געווארען ביז היינט צו טאג.

די ארבייטער־באוועגונג אויף יענער זייט ים

פון דר. יוסף קיסמאן

א וויכטיגער קאנגרעס פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג אין רומעניע

אין צענטראל־אייראפע איז צושמעטערט געווארן פונ'ם פאשיזם די פאליטישע און די פראפעסיאנעלע ארבייטער באוועגונג. איבער'ן פאליטישן הימעל פון דרום־מזרח־אייראפא הענגען שווערע וואלקענס, די ארבייטער באוועגונג ראנגעלט זיך דארטען און פארטיידיגט עקשנותדיג איהרע פאזיציעס. דעריבער מוז מען באגריסען מיט א באזונדערער פרייד יעדע ערשיינונג וואס זאגט עדות פון נישט געבראכענעם מוט און קאמף־כוח אין יענעם טייל פון דער וועלט.

אזא געשעהעניש פון אינטערנאציאנאלער באדייטונג איז געווען דער לעצטער קאנגרעס פון דער רומענישער „קאנפעדעראציע פון ארבייט" („פעדערישאן אוו לייבאר"), וואס איז פארגעקומען ביים סוף פונ'ם פארנאנגענעם יאהר אין בוקארעשט.

אין קאנגרעס האבען זיך באטייליגט אריבער 180 דעלעגאטען פון אלע ארבייטער סינדיקאטען (יוניאנס). פון אויסלאנד זיינען געקומען אלס געסט פיער פראמינענטע ארבייטער־פיהרער צו באגריסען די רומענישע באוועגונג: פון פראנקרייך — לעאן זשוהא; פון בעלגיע — באנדאס; פון שווערען—פרייאף, טהונבערג; פון טשעכאסלאוואקיע — בראדעצקי.

דעם הערשענדיגען גייסט אין די רומענישע ארבייטער סינדיקאטען האט דער פרעזידענט פון דער „קאנפעדעראציע", געג. פלוערעבש כאראקטעריזירט תיכף מיט די ערשטע ווערטער פון זיין דערעפענונגס־רעדע, זאגענדיג, אז די רומענישע ארבייטער־סינדיקאטען, וואס זיינען פאראייניגט אין דער „קאנפעדעראציע פון ארבייט", שטעהען אויף דער סאציאל־דעמאקראטישער פלאטפארמע". סינדיקאטען און סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי זיינען צוויי טיילען פון איין און דערזעלבער ארבייטער באוועגונג...

אין די אויערען פון אמעריקאנער יוניאן־מענשען קלינגען אזעלכע ווערטער א היבש ביסעל מאדנע, אבער אזוי און נישט אנדערש איז עס נישט בלויז אין רומעניע מיט איהר קליינער ארבייטער־באוועגונג, נאר כמעט אין גאנץ אייראפע, וואו די ארבייטער־באוועגונג פיהרט אן איהר קאמף און אזוי איז עס אויך געווען אין דער מעכטיגער ארבייטער באוועגונג פון דייטשלאנד און עסטרייך אלע יאהרען, ביז דער בלוטיגער פאשיזם האט זי צובראכען.

דעם קאנגרעס האט באגריסט א פארטרעטער פונ'ם רומענישען ארבייטס־מיניסטער, וועלכער האט אונטערשטראכען, אז די רעגירונג באטראכט די פארזאמעלטע דעלעגאטען אלס די „אויטאריזירטע רעפרעזענטאנטען" פונ'ם ארבייטער־קלאס אין רומעניע. באלד ווי מען איז אריינגעגאנגען אין די בעראטונגען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין פראקטישן טאג־טעגליכען ארבייטער־קאמף זיינען די באציהונגען פון דער רעגירונג צו די סינדיקאטען נישט אזוינע פריינדליכע ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין העפליכע באגריסונגס־ווערטער.

דער אינטערנאציאנאלער ארבייטס־אמט, וואס איז איינגעארדענט געווארן פון דער פעלקער־ליגע אין גענף, האט אויך באגריסט דעם קאנגרעס דורך אן אוניווערסיטעט־פראפעסאר, וועלכער האט געזאגט אין זיין רעדע, אז ער באטראכט דעם קאנגרעס אלס א חלק פון יענער וועלט־באוועגונג, וואס קעמפט צו שאפען א גערעכטע וועלט־ארדנונג מיט סאציאליזירטע רייכטימער פאר דער גאנצער מענשהייט.

די אויסלענדישע ארבייטער־פיהרער האבען אין זייערע באגריסונגען ספעציעל זיך אפגעשטעלט אויף די שרעקליכע ווירקונגען פונ'ם פאשיזם אין צענטראל־אייראפע. גענאסע זשוהא פון פראנקרייך האט פארענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: דער פאשיסטישער נאציאנאליזם איז א דערשיינונג פונ'ם שטארבענדיגען קאפיטאל, אמת'ער נאציאנאליזם איז די אינטערנאציאנאלע שטרעבונג פונ'ם פראלעטאריאט צו דער פארברידערונג פון אלע מענשען.

די בעראטונגען פונ'ם קאנגרעס זיינען געווען זעהר ערנסטע און גרינדלאכע. דאס עקאנאמישע לעבען פונ'ם לאנד און זיין גאנצקייט איז באטראכט געווארן ביי די בעראטונגען ווענגען די אנגעוועהטאנטע פראבלעמען פונ'ם רומענישען ארבייטער־קלאס.

עס וואלט צו וויט געפיהרט, ווען מיר וואלטען דא אריינגעגאנגען אין די דעטאלען פון די בעראטונגען. פיל מעהר אינטערעס וועט עס ארויסרופען, ווען מיר וועלען איבערגעבען דא אין קורצע שטריכען א בילד פון דער אלגעמיינער לאגע אין רומעניע.

צווישען די מלוכות, וואס זיינען געבוירען געווארן אין אייראפע נאך דער מלחמה אויף די חורבות פון די אלטע אימפעריעס, פארנעמט די נייע גרויס־רומעניע זעהר א וויכטיגען פלאץ, זי באלאנגט אהן א ספק צו די עקאנאמיש־געזונטסטע צווישען זיי.

די קליינע אלט־רומעניע איז געבענשט מיט פרוכטבארער ערד, רייכע נאפט־קוואלען און א גרויסען רייכטום אין וועלדער. פון דער מלחמה איז רומעניע ארויס דאפעלט פארגרעסערט אין טעריטאריע, אין דער צאהל איינוואוינער און אין נאטירליכע אוצרות. זי האט געוואונען די פריהער רוסישע פראווינץ בעסאראביע, וועלכע האט גע'שם'ט אפילו אין תבואה־רייכען רוסלאנד אלס פעטע שפייז־קאמער; די פריהער עסטרייכישע פראווינץ בוקאווינע, וועלכע ווערט באזונגען אין דער פאעזיע אלס א „ליבלאכער גארטען"; די פריהער־אונגארישע פראווינץ, טראנסילוואניע, א אינדוסטריעל אנטוויקעלט שטיק לאנד מיט א גרויסען רייכטום אין קוילען, אייזען, ערד־גאז און פארשידענע מינעראלען, אויך גאלד.

באלד נאך דער מלחמה איז דורכגעפיהרט געווארן א אגראריש רעפארם: די אמאליגע פויערישע קנעכט האבען ערד באקומען, זיינען „קויף־קרעפטיג" געווארן פאר'ן שטאטישען מארק. די שווערע אינדוסטריע האט זיך א נעם געטאן צו דער ארבייט, די טעקסטיל־אינדוסטריע, די האלץ־אינדוסטריע און אנדערע אינדוסטריען האבען זיך פאנאנדערגעבליהט.

אזוי ווי רומעניע האט פון אל־דאס־גוטס — סיי לאנדווירטשאפט, סיי א יונגע, אויפבליהענדיגע אינדוסטריע — וואלט מען געקענט מיינען, אז זי האט באדארפט גרינגער טראגען די צרות פונ'ם וועלט־קריזיס אהן באזונדערע דערשיטערונגען. איז דאס אבער נישט אזוי. פארקערט, דער קריזיס האט געמאכט אן אמת'ען חורבן אין דער רומענישער ווירטשאפט.

אן אומגליקליכע עקאנאמישע פאליטיק אין לאנד האט געפיהרט דערצו, אז די פעטע יאהרען פון „פראספעריטי" זיינען נישט אויסגענוצט געווארן. דער היימישער פינאנץ־קאפיטאל האט אין דעם קאפיטאל־ארימען לאנד נישט אריינגעלאזט קיין אויסלענדישען קאפיטאל, כדי זיך אויסצוהיטען פון קאנקורענץ ביי דער עקספלואטאציע פון די נאטירלאכע אוצרות פון לאנד. דער רעזולטאט איז געווען, אז אין אינלענדישען קרעדיט־פארקעהר זיינען געצאהלט געווארן 20 ביז 36 פראצענט פאר געלט, אין וועלכען ס'האט זיך גענויטיגט סיי די אינדוסטריע סיי די נייע לאנדווירטשאפט נאך דער אגראר־רעפארם.

ווען דער וועלט־קריזיס האט אריינגעכאפט רומעניע אין זיין פאר'כשופ'טען קרייז, האט שוין דער היימישער וואוכער־קאפיטאל געהאט האלב־דערווארגען די רומענישע פאלקס־ווירטשאפט און דער קריזיס האט פארענדיגט די דאזיגע ארבייט.

אין רומעניע, וועלכע ליגט וויט, ווייט אין דרום־

זיינען ווערטלאָז. אָבער דיזער נייער שריט איז פאַר אונזערע לייט געווען „איי פּלאַנדזש אין דהי דאַרק". ארויס מיט גאַנצע ביינער זיינען מיר צוליב די פּאָלקאָמענע סאָלידאַריטעט פון דער לידערשיפּ און דעם פולען צוטרוי פון די מאַסען. ווען עס וואָלטען דאַן געווען פאַרשיידענע „ריכטונגען" אָדער סעקטען אין דער יוניאָן, וואָלט דער סטרייק קיינמאָל ניט געסעטעלט געוואָרען.

אונזערע לייטע האָבען פאַרשטאַנען, אַז אַ יוניאָן-שאָפּ אונטערשיידעט זיך פון אַ ניט-יוניאָן שאָפּ מיט דעם וואָס אין דעם ניט-יוניאָן שאָפּ האָט דער באָס די גאַנצע דעה און דער ארבייטער האָט דאָרט גאָרניט וואָס צו זאָגען, אָבער אין אַ יוניאָן שאָפּ איז די מעשה פּונקט פאַרקערט: די ארבייטער האָבען דאָרט די גאַנצע דעה און דער באָס גאָר קיין דעה ניט.

ווען איך האָב אַ פּאָר יאָהר בעפאָר דעם סטרייק ארויסגעזאָגט די מיינונג וועגען דער צוועקמעסיגקייט פון אריינשטעלען אין די יוניאָן-אַגרימענטס, וואָס איז אונז פון צייט צו צייט געלונגען צו מאַכען מיט אינדיווידועלע באַלעבאַטים, אַ פּונקט וועגען ארביטריישאָן, האָט זיך אברהם ראָזענבערג שטאַרק צולאַכט און אַ היבשע צייט נאָכדעם פלעגט ער מיר אָפּט קיבעצען מיט מיינע „ענגלישע פענסי אידעען". איין מאָל איז עס אַ יוניאָן-שאָפּ, טאָר דאָרט די מאַכט פון דער יוניאָן ניט באַגרעניצט ווערען.

אַ פּאָר יאָהר נאָכ'ן גענעראַל סטרייק, ווען איך און דר. אייבעלסאָן, דער לייבאָר מענעדזשער פון דער אַסאָסיאיישאָן, זיינען ארויף אויף אַ קיים ביי דער פירמע פון „פּרייקען ענד לובאָווסקי", רופט זיך אָפּ דער שאָפּ-טשערמאַן, אַן אַלטער אַקטיווער יוניאָן-מאַן, צו איינעם פון די באָסעס: „דער שאָפּ איז אַ יוניאָן-שאָפּ. איך בין דאָ דער שאָפּ-טשערמאַן. אייער פּלאַץ איז אין אָפיס. דאָ האָט איהר גאָרניט צו זאָגען".

אריבערצוגעהן פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטען איז אַזוי אַלט ווי די מענשהייט זעלבסט.

אַ יוניאָן אַגרימענט איז צו יענער צייט פאַרשטאַנען געוואָרען אַלס אַ צוזאָג פון באָס אַז ער וועט נאָכקומען אַלץ וואָס דער „וואָקינג דעלעגאַט", דער שאָפּ-טשערמאַן און די אַרבייטער פון שאָפּ פאַרלאַנגען (אַזאַ געשריבענעם אַגרימענט האָב איך געזעהן אין באָסטאָן ביי די לידיס טיילאָרס). אַז ניט, גיט דער שאָפּ-טשערמאַן אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס: „ארונטער, חברה!" און דער עולם לאָזט זיך געהן פון די שטיגען.

פון „קאָלעקטיוו באַרגיינינג" האָט מען נאָך דאַן אויף דער איסט סייד ניט געוואוסט (דיזע פראַזע האָט צום ערשטען מאָל באַנוצט סידני וועב אין זיין ווערק „אינדאַסטריעל דעמאָקראַסי" אין 1905). „באַרגיינינג" הייסט זיך דינגען, און זיך דינגען הייסט נאָכגעבען די באָסעס, און דאָס טאָר אַ יוניאָן ניט, האָט עס געהייסען.

אומגעפעהר מיט אַ יאָהר פאַר'ן דזשענעראַל סטרייק איז צו מיר געקומען אַ קאָמיטע פון ארבייטער ביי דער סקוירט פירמע פון „מאַליי ענד הערמאַן" אין יוניווערסיטי פּליים: זייער שאָפּ ארבייטער ווילען זיך אָרגאַניזירען און זיינען פאַרטיג ארונטערצוגעהן סטרייקען. ביי זיי אין דער אַלטער היים ווען אַרבייטער געהען ארויס סטייקען צוברעכט מען אַלץ וואָס עס געפינט זיך אי שאָפּ. ביי זיי אין שאָפּ זיינען דאָ איבער דרייסיג מאַשינען. זיי זיינען באַרייט, איידער זיי פאַרלאָזען דעם שאָפּ, ניט איבערלאָזען קיין איין גאַנצע מאַשין. און לויט זייערע טענות זיינען זיי געווען פאָלקאָם גערעכט: אַ באָס וואָס ענטזאָגט זיך נאָכצוקומען די גערעכטע פאָדערונגען פון זיינע ארבייטער, באַגעהט ער דערמיט אַ פאַרברעכען און מוז דאַרום באַשטראָפט ווער'ען. ווי עס ווייזט אויס, האָבען מיינע ארגומענטען אויף זיי געווירקט. זיי זיינען ארונטער סטרייקען און האָבען די מאַשינען ניט צובראָכען (עס איז צו יענער צייט געווען אַ צאָהל שעפּער מיט עלעקטריק מאַשינען, אָבער די אַרבייטער האָבען דאָרט געמוזט צאָהלען פאַר עלעקטרישע קראַפט, נאָדלען, סטרעפּס, און האָבען געמוזט רעפּאָזיטען געלט ביים באַלעבאָס פאַר „פּאַרטס". דיזער נייער עלע-

מענט, פול מיט פרישער ענערגיע און רעוואָלוציאָנערען ענטוזיאַזם, האָט פיל מיטגעהאָלפען צו ענדיגען דעם סטרייק מיט אַזאַ גלענצענדען ערפאָלג, אָבער פאַר פרידליכע פאַרהאַנדלונגען מיט אַן אַסאָסיאיישאָן, האָט מען ניט געקענט פון זיי ערוואַרטען קיין גרויסע באַגייסטערונג.

אין פאַרבינדונג מיט דעם סטרייק פון „מאַליי ענד הערמאַן" איז ווערט צו דערמאָנען אַ פּאָר אינצידענטען, וואָס זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש.

די דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און איהרע באַאַמטע האָבען געקוקט פון אויבען-אַראָפּ אויף די „העמדעל-מאַכער", ד. ה. די סקוירט-מאַכער, און דאַרום פלעגען זיי זיך ווענדען מיט זייערע טראָבעלס צו מיר, אַ ברודער „העמדעל מאַכער", און איך פלעג אַטענדען זייערע שעפּער ווען נאָר מעגליך.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי די ארבייטער זיינען ארונטער סטרייקען רוף איך אויף די פירמע אויפ'ן טעלעפאָן און זאָג זיי ווער איך בין און פרעג אַן אויב איך קען אריבערקומען צו זיי אין אָפיס זיך דורכריידען וועגען סטרייק און אויסגעפינען אויב עס איז דאָ אַ וועג דעם סטרייק צו סעטלען. „האָלד דהי ווייר!" איז געווען דער ענטפער. וואַהרשיינליך האָט מען זיך וועגען דעם דאָרט איבערגערעדט, און מען האָט מיר ענדליך געלאָזט וויסען, דאָס אויב איך וועל פאַרבלייבען אין אָפיס אַ פערטעל שטונדע לענגער וועלען זיי מיר געבען אַן ענטשיידענעם ענטפער. נאָך אַ שעה צייט זאָגט מען מיר ענדליך אָן, אַז אין אַ שטונדע שפּעטער קען איך קומען צו זיי אין אָפיס.

צוגעהענדיג צום שאָפּ האָב איך באַמערקט אַ גרופּע מענער, ניט קיין אידען, שטעהענדיג ביים אריינגאַנג, און אונזערע פּיקעטס האַלטען זיך פון זיי פון דער ווייטען. דאָס זיינען געווען די געדונגענע „גאַרדס" פון אַ סטרייק-ברעכענדער אַגענטור, מייסטענס אונטערוועלט-לייטע — פאַר באַנוצן אונטערוועלט-לייטע אין לייבאָר-דיספּיוטס קומט אונזערע אידישע באַלעבאַטים דער „קרעדיט" — אַן אָפּטע ערשיינונג צו יענער צייט אין דער גאַרמענט-אינדוסטריע. ווען איך בין אריין אין אָפיס האָט מיך באַגעגענט אַ יונגער-מאַן, וועלכער האָט מיר ערקלערט, אַז ער איז דער לאָיער פון דער פירמע, און ער ציינט מיר אָן אויפ'ן אייגענטימער, מר. הערמאַן, וואָס זיצט אויף דער אַנדער'ער זייט, ביים ענדע פון אָפיס.

דער לאָיער ערקלערט מיר, אַז ער איז באַאויפטראַגט געוואָרען פון דער פירמע צו הערען וואָס איך האָב צו זאָגען און וואָס איך האָב פאָרצושלאָגען. נאָכדעם ווי מיר האָבען געשמועסט אַ מינוט פופצעהן-צוואַנציג, שטעלט ער זיך אויף און פיהרט מיר צו צו מר. הערמאַן און זאָגט צו מר. הערמאַן: „איהר דאַרפט מיר דאָ מעהר ניט האָבען. איהר דאַרפט ניט מורא האָבען פאַר דיזען דזשענטעלמאַן (אָנצייגענדיג אויף מיר). איך בין זיכער, אַז איהר וועט זיך מיט איהם אויסגלייכען". זאָגענדיג דאָס האָט ער געזאָגט „גוד ביי" צו אונז ביידען און האָט פאַרלאָזט דעם אָפיס.

עס האָט גענומען אַ פּאָר טעג און מיר זיינען געקומען צו אַ פאַרשטענדניש. אַ היבשע צייט איז ביי דער פירמע געווען אַ גוטער יוניאָן-שאָפּ.

ווען איך בין ארויסגעקומען פון שאָפּ נעהמט צו מיר צוצו אַ מאַן און דערלאַנגט מיר זיין ביזנעס-קאַרד. ער איז געווען דער הויפּט פון אַ פּריוואַט דעטעקטיוו-איידזשענסי. ער האָט צו מיר געהאַט טענות. לעצטע וואָך האָט געזאָלט זיין אַ סטרייק ביי אַ געוויסער פירמע און ער איז שוין געווען פאַרטיג „טו גאָ טו וואָירק אָן דהאַט דזשאָב", אָבער צוליב מיין שליכטען דעם טראָבעל מיט דער פירמע האָט ער פאַרלאָרען אַ גוטען „דזשאָב". ער האָט מיר ערקלערט, אַז אין די ביזנעס, אין וועלכע ער געפינט זיך איצט, קען מען מאַכען געלט, פיל מעהר ווי פון סעטלען סטרייקס... האָט ער גאָר פאַר מיר אַ פּלאַן, פון וועלכען איך וועל מאַכען גרויסע געלטער. אַלעס וואָס איך דאַרף טאָן איז ארויסרופען סטרייקס און איהם לאָזען וויסען וועגען דעם מיט אַ פּאָר טעג פריהער, און דאָס איבעריגע וועט זיין „פיפטי-פיפטי"...

ערינערונגען

פון דזשאהן א. דייטש.

אלץ וואס איך האב ביז איצט געלעזען וועגען דעם גענעראל סטרייק פון די ניו יארקער קלאוקמאכער פון 1910, דורך וועלכען אן אומבאדייטענדע ארגאניזאציע פון טרייד יוניאניסטישע יחידים, פאנאטיקער און אידעאליסטען איז געווארען איינע פון די גרעסטע ארבייטער־יוניאנס אין דיזען לאנד, קען דינען בלויז אלס מאטעריאל פאר דעם צוקונפטיגען היסטאריקער. מיט דיזע ערא־נערונגען באצוועק איך בלויז צו ברענגען נייעם מאטעריאל פאר דיזער מערקווירדיגער באוועגונג, וועגען וועלכער גאמפערס האט זיך אויסגעדריקט: „דאס איז ניט קיין סטרייק, דאס איז אן אינדוסטריעלע רעוואלוציע".

אריגינעלע מאטעריאלען, אדער „דאקומענטארי עווידענס", ווי מען רופט עס אין ענגליש, איז דא זעהר וויניג. די וואס האבען געשריבען וועגען סטרייק זיינען געווען געצוואונגען צו זאמלען זייער מאטעריאל יאהרען שפעטער, פון וואס מען האט זיי דערצעהלט און פון דער טעגליכער פרעסע. פילע פאסירונגען וועלכע איך האב פערזענליך ביינעוואוינט אדער מיטגעמאכט, זיינען אין דיזע געשיכטען אפט צודרעהט און צופלאנטערט אזוי אז מען קען זיי קוים דערקענען, און א היבשע טייל פון זיי האט פאסירט אין דער פאנטאזיע פון די איבערגעבער. וואס אנבאלאנגט די טעגליכע פרעסע, קען דער פאלגענדער פאקט צייגען אויף וויפיל מען קען זיך פארלאזען אויף „פרעס רעפארטס".

אין פארלויף פון סטרייק איז אין אונזערע העדקווארטערס ערשינען דער פארשטארבענעם פראפעסאר בלושטיין, וועלכער איז יאהרען־לאנג געווען דער דירעקטאר פון „עדיוקיישאנאל אליינס" אויף איסט בראדוויי, און האט אונז ערקלערט אז ער איז צו אונז געקומען אויף דעם פארלאנג פון דזשייקאב ה. שיף אויסצוגעפינען איינצעלהייטען וועגען דעם סטרייק, ווייל די אידישע געמיינדע איז שטארק פאראינטערעסירט אז דער סטרייק זאל געסעטעלט ווערען אזוי גיך ווי מעגליך. אומגעפער אין א שטונדע צייט האב איך איהם דערצעהלט וועגען וואס דא האנדעלט זיך און פאר וואס דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען. ווען איך האב געענדיגט ריידען זאגט ער צו מיר: „אי עם אמייזד! פון ערשטען טאג א זינט דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען האב איך נאכגעפאלגט אלץ וואס איז ערשינען וועגען דעם סטרייק אין דער טעגליכער פרעסע, די אידישע אזוי גוט ווי די ענגלישע. איך צווייפעל קוים אויב איך האב דורכגעלאזען איין שטיקעל נייעס וועגען דעם סטרייק. דעם באגריף וואס איך האב געקראגען פון מיין לעזען אין פארגלייך מיט דעם וואס איהר האט מיר יעצט איבערגעגעבען איז אזוי פארשיידען ווי טאג צו נאכט".

דאס איז דער אונטערשייד פון „ערשטע האנט" ביז „צווייטע האנט" אינפארמאציע.

אחוץ דעם איז אלץ וואס איז ערשינען וועגען דער אידישער ארבייטער באוועגונג געשריבען געווארען העכסט טענדענציעז, אין איינקלאנג מיט געוויסע ריכטונגען, און דאס פארשלייערט, זעלבסט־פארשטענדליך, אויך די ווירקליכקייט. זאגאר אין אזא ווערק ווי די „ענסיקלאפידיא אוו סאשיאל סייענס" ווערט געגעבען אפהאנדלונגען וועגען דער באוועגונג פון צווייפעלהאפטען ווערט.

אום צו פארשטעהן וואס עס איז פארגעקומען אין א געוויסער באוועגונג, פאדערט זיך א גענויע באקאנטשאפט מיט דעם מענשליכען מאטעריאל, די פסיכאלאגיע פון די מאסען, פון די „רענק ענד פייל", מיט די באגריפע און דעם כאראקטער פון די טוערס; פון די לידערס און עס איז וויכטיג צו וויסען ווי זיי האבען פארשטאנען די פראבלעמען וועלכע זיי האבען געטרייעט צו לייזען.

ביז 1910 איז די פראבלעמע געווען ווי אזוי ארגאניזירט מען די גרויסע מאסע נידערגעשלאגענע און פון אזוי פיל פארלארענע סטרייקס דעמאראליזירטע קלאוקמאכער, און מיר האבען געגלויבט אז ווען דאס וועט געשעהן וועלען מיר קענען פריי אפאטעמען. אבער ווען אונזער טרוים איז פארווירקליכט געווארען, טראץ אלע נביאות פון די „הויכע פענסטער", אז „די קלאוקמאכער וועט איהר קיינמאל ניט ארגאניזירען", האט זיך אבער באלד ארויסגעצייגט, אז מיט דער לייזונג פון די אלטע פראבלעמען האבען זיך באשאפען פראבלעמען וואס האבען זיך ארויסגעוויזען פיעל שווערער צו לייזען ווי די אויפגאבע פון ארגאניזירען אזא ריזיגע, צוזאמענגעלאפענע מאסע.

פראבלעמען ווערען טיילווייז געלייזט מיט דעם וואס די אומשטענדען וואס האבען באשאפען די פראבלעמען ווערען געענדערט די נייע אומשטענדען, אבער, ברענגען מיט זיך נייע פראבלעמען צו לייזען. דאס איז דער פראצעס פון לעבען.

די געוואלדיגע באגייסטערונג, דער רעליגיעזער ענטוזיאזם וואס דער סטרייק האט ארויסגערופען, איז געווען מעהר ווירקזאם ווי די טעכניק און די געניטסקייט פון די אלטע, איינגעפונדעוועטע יוניאנס. עס איז געווען בלויז א פראגע ווי לאנג דיזער ענטוזיאזם וועט אנהאלטען. די נייע אומשטענדען, וואס דער סטרייק האט באשאפען, האט געפארערט די אנווענדונג פון נייע מעטאדען פון „עקאנאמישען קאמף" און די פראבלעמע איז באשטאנען דערין ווי צו באוועגען אונזערע מענשען זיך אפצוזאגען פון זייערע אלטע באגריפען פון יוניאניזם, וואס איז געווען א טייל פון זייער אידעאל.

אומשטענדען ענדערען זיך מאנכעס מאל איבערנאכט, אבער צו ענדערען געוואוינהייטען, איבערצייגונגען נעמט יאהרען. עבען דארום זיינען פאפולערע אידעען און מיינונגען גאנץ אפט „אוט אוו דייט" און די מאסען — אונזערע ראדיקאלען און פראגרעסיסטען אריינגערעכענט — בלייבען רעלאטיוו ריקשטעהענד, קאנסערוואטיוו.

דער סטרייק האט ארויסגערופען א געשפענסט אין דער פארם פון א מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, אן וועמעס שפיץ עס זיינען געשטאנען די גרעסטע, רייכסטע מאנופעקטשורערס, מאנכע פון זיי מיליאנערען, ביי וועמען די יוניאן האט קיינמאל ניט געוואונען קיין סטרייק. אונזערע לידערס האבען פארשטאנען, אז זיי זיינען „אפ אגעינסט איט", ווי מען זאגט אין ענגליש.

די פיהרער פון דיזען סטרייק זיינען געווען עלטערע, מעהר ערפאהרענע און דערפאר מעהר „קאנסערוואטיווע" ווי די סטרייק־קאמיטע פון די וויסט־מאכער יוניאן פון 1909, פאר וועמען די אידעע פון פארהאנדלען מיט אן אסאסיאיישאן פון באסעס איז געווען א „שווארצער פארראט".

אבער די מורא און דער האס געגען אן אסאסיאיישאן פון באסעס איז פאר אונזערע סטרייק־לידערס געווען ניט קלענער. נאך א היפשע צייט נאך דעם ווי דער „פראטאקאל אוו פיעס" איז אנגענומען געווארען, האבען מיר ארויסגעוויזען ביי יעדער געלעגענהייט גרויס מיסטרויען. יעדען מאל ווען די אסאסיאיישאן האט אריינגענומען א נייעם מעמבער האבען מיר אויפגעהויבען א פראטעסט און האבען געטראכט וועגען אפברעכען דעם פראטאקאל. בלויז נאכדעם ווי די אסאסייישאן האט געבראכט די קייס צו דער „באארד אוו ארביטריישאן" און בראנדייס האט אנטשידען צו גונסטען פון די באלעבאטים, איז די יוניאן געצוואונגען געווארען צו ערלויבען דער אסאסיאיישאן אריינצונעמען נייע מעמבערס.

גלייך פון אנפאנג פון סטרייק האבען די לידערס איינגעזעהן, אז דער סטרייק קען געוואונען ווערען בלויז דורך א סעטעלמענט מיט דער אסאסיאיישאן, אז די אינדיווידועלע סעטעלמענטס בלויז מיט די קליינע באסעס

דערנאָך ווערט די שטילקייט שטייפער, געפרעסטער,
ס'טונקלען די געסלאך שאָטענדיק־גראָ,
און כ'פיהל זיך אין שטילקייט באַהאַפטען מיט אַלעם
וואָס אָטעמט און לעבט אַט־אָ־דאָ....

דאָ האָב איך פארנומען ס'געוויין פון די שוואַכע,
כעס, אומבאַהאָלפענעם צאָרען,
ס'פארשטיקטע געשריי פון צעטראָטענע לעבענס,
דער צער פון פארלאָרענע יאָרען

דאָ בין איך פאַרוואָרצעלט מי ליב און מיט לעבען,
דאָ האָט זיך מיין בענקשאַפט אין טרוימען צעהעלט;
נאָר ס'שטיקט דאָ די גראָבקייט און ס'לאָקט מיך אין ווייטען —
פון ראַנען פירט מיין בליק אין דער וועלט...

3.

מיין היים ליגט פארזונקען ביים ראַנד פון דער שטאָט
מיט קרומע, געבויגענע ווענט,
אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי הילצערנע סלופּעס,
ווי מיט צוויי פארשטייפט־שווערע הענט

פינף שפּאַן אין דער ברייט און אכט אין דער לענג —
און ס'האַלטען אין שאָטען די ווענט פון מיין היים:
צוויי אייזערנע בעטען, אַ טישעל מיט שטולען,
אַ קעבעל פון ציגעל און ליים.

דאָ לעב איך צוזאַמען מיט שוועסטער און ברודער,
אין אָרימקייט, שטיל, און גאַנץ אָפט
הונגערט מען אונטער, מ'ראַנגעלט מיט נויט זיך,
מ'צווייפעלט גאַנץ אָפט און מ'האָפט.

דאָ פירט מען אַ לעבען פון שווערער האָרעוואַניע,
פון ארבייט, פון מיה און פון פליים,
און ס'זיינען די ווענט דורכגעזאַפּט, דורכגענומען
מיט פאַרע פון וועש און מיט שוויים.

צעוואָרפּט אונז דער טאָג אין אַלע עקען פון שטאָט
צו פארשאַפען זיך טעגלאַכע שפּייז;
מ'צעלויפט זיך אין שרעק פאַר'ן גרויש פונ'ם טאָג
ווי פאַר אַ שאַרך ס'צעלויפען זיך מייז.

איז יעדער פאַרהאָרעוועט אין אַן אַנדער עק שטאָט,
אָפּגעטיילט מיט גאַסען און פעלדער;
נאָ פירט אונז צענויף, די גלידער פארשטייפט,
די הענט און די פיס — ווי די קלעצער...

זיצט מען ביים טיש פארמאַטערט, פאַרפּרעמדט,
דאָס לעמפּעל שיינט קרענליך און מאַט;
און איינער פאַרטיפט איז אין זיינע מחשבות,
דער צווייטער — פאַרטיפט אין אַ בלאַט.

דאָס בלוט — ווי פארגליווערט, די נערוועז — געשפּאַנט,
דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט,
דאָס פלעמעל אין לעמפּעל פאַלט און צאַנקט אויף
און ס'טאַנצען די שאָטענס אויף ד'ווענט.

און דומפּיג ז'די לופט און הענגט ווי אַ נעפּעל
און דריקט מיט שווערקייט פון בליי,
דורכגענומען מיט זויערען ריח פונ'ם ברויט
מיט פאַרע וואָס שלאָגט פון דער טיי.

טוקט מען אין פאַרע פארנעפּעלטע בליקען,
רינט פויל אין די אָדערען ס'בלוט,
פלוידערט מען לאַנגזאַם, מ'זשנאַיעט דאָס ברויט
און מ'טיילט זיך מיט נייעס פון שטאָט.

דערנאָך שפּרייט זיך אויס אַ זיסלאַכער דרעמעל —
איז דרעמלענדיג צאַפּעלט מען אויף;
פאַלט מען פארמאַטערט אויף האַרטע געלעגערס
און האַרט ווי ס'געלעגער, ז'דער שלאָף.

פאַרטאָג רייסט מען איבער נישט דערשפּינטע חלומות,
מ'טרייסעלט פון שלאָף אָפּ די גלידער,
מ'הערט דורך די ווענט ווי ס'וועקען שכנים
און פול ווערט דאָס הויז מיט גערודער.

עפענען זיך טירען און קלאַפּען זיך צו
מיט הוילע און האַסטיגע קלעפּ;
מען איילט צו דער ארבייט און אונטער די טריט
סקריפּען און ס'טרעסטשען די טרעפּ.

שפּייען די הייזער אויס מידע געשטאַלטען
און ס'הילט זיך אין גראָ יעדער טויער;
קאַפּען די דעכער אין שיין פון פרימאָרגען
און ס'דאַכט זיך — זיי קאַפּען מיט טרויער.

ציען געשטאַלטען לענגאויס פאַר די הייזער,
די בליקען — פינסטער פון זאָרגן,
זיי שווייגען פאַרביסען, כ'פאַרשטיי זייער שווייגען
און כ'זאָג זיי אין דמיון „גוט־מאָרגען".

שפּאַנט מען צו דער ארבייט, פון לאַסטען געבויגען,
די פּנים'ער קרענקלאַך פאַרגעלט,
נאָר ביי זיך איז מען זיכער, ווייל מ'ווייסט אַז אויף ארבייט
האַלט זיך און בויט זיך די וועלט...

די קאָוט און סוט אויטאָריטי און דער דורכשניטליכער לוין

פון טשאַרלס ה. גרין,
דירעקטאָר קאָוד אָבזעירוועגס ביוראָ א. ל. ג. וו. י.

די קאָוט און סוט אויטאָריטי פירט אָן אַן אַקטיוועז דרייוו צו פארפעסטיגען די צאָהלונג פון עווערעדזשעס ביי די קאָוט און סוט מאַנופעקטשורערס.

זינט דער קאָוד איז אריין אין קראַפט, האָבען 90 פּראָצענט פון די מאַנופעקטשורערס, די וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער א. ל. ג. וו. י., געצאָלט די עווערעדזשעס באַצייכענט אין דעם קאָוד. אָבער 10 פּראָצענט פון די ניט־יוניאָן פירמעס האָבען באַוויזען אַז זיי זיינען ניט פאראינטערעסירט אין נאָכפאָלגען דעם קאָוד. אין בעסטען פאַל צאָהלען זיי די קאָוד מינימומס און עס איז אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז די מאַנופעקטשורערס וועלכע זאָגען אַז זיי צאָהלען אָט די מינימומס זיינען אָפט טשיזלערס אַפילו אין דעם פאַל. אָבער אויב זיי גלויבען אַז עס וועט זיי גרינג זיין צו צאָהלען בלויז די מינימומס, האָבען זיי אַ גרויסען טעות.

די קאָוד אויטאָריטי האָט געמאַכט איבער אַ הונדערט טויזענט אונטערזוכונגען, וועלכע האָבען זיי באַוויזען ווי אַזוי איינצופיהרען די שטיק פרייזען אַז די עווערעדזשעס זאָלען זיין באַצאָהלט אין די שעפּער וואו די טשיזלערס גראָבען אונטער די יוניאָן באַדינגונגען צאָהלענדיג בלויז דעם מינימום.

די נירא איז אַנטשלאָסען ניט צו דערלאָזען אַז סוועט שעפּער און טשיזלערס זאָלען אונטערגראָבען די באַדינגונגען אין שעפּער וואָס פּראָדוצירען אין גייסט פון נייעם דיל און אונטער דעם קאָלעקטיווען אגרימענט מיט דער יוניאָן.

די דאָזיגע באַמיהונגען זיינען שוין איינגעפיהרט געוואָרען אין די גרעסערע קלאָוק און סוט מאַנופעקטשורינג פירמעס. עס זעהט אויס צו זיין זייער ערפאָלגרייך און די קאָוד אויטאָריטי וועט עס אריינברענגען אין די אַנדערע מינימום צאָהלענדע פירמעס אַזוי שנעל ווי מעגליך.

דאָס איז אַ זאַך ניט נאָר פאַר די ארבייטער ביי וועמען מען האָט אונטערגעגראָבען די וויידזשעס, נאָר אויך אַ זאַך פאַר די לעגיטימע באַלעבאַטים.

מיין היים

(פּאָעמע)

פון י. ל. קאָהן (וואַרשא)

.1

מיין היים איז פאַרוואָרפען ביים ראַנד פון דער שטאָט,
וואו ס'שלענגלען זיך געסלאך ליידיג און הויל ;
דאָ הענגען די טעג פאַרשלאָפען און מיד,
נעכט ציען שטיל און ווייען מיט גרויל.

און אין שטילקייט פון נאַכט זינגט אַלץ אינ'ם שלאָף
און חלומט פון פרייד, פון אַ לעבען אַ זאַט,
ס'פינטלען לאַמטערנעס מיט גרינלאכען שיין
און ס'גלאָצען די שויבען פינסטער און מאַט.

אַמאָל ווערט די נאַכט-שטילקייט איבערגעריסען
דורך אַ דינעם צעצויגענעם הינטישען וואָי,
דורך ביטערע קללות און שיכור געזאַנג
אָדער פאַרשטיקטען געשריי פון אַ פרוי.

אָפט שניידט דורך די נאַכט אַ צעצויגענער פייף,
צעוויינט זיך אין שרעק וואו אַ קינד,
ס'צעשפּילען זיך ריטמיש רעדער אויף רעלסען
און ערגעץ צעבילען זיך הינט.

און עמיץ צעהוסט זיך און כאָרכעלט פאַרשטיקט,
די נאַכט אין איר גרויל צאַפּלט אויף —
נאָר באַלד הילט די נאַכט זיך אין פיינליכען שווייגן
און ווידער זינקט אַלץ אינ'ם שלאָף.

גאַנץ פריה וועקט פון שלאָף דער פייף פון פאַבריקען,
וואָס הילכט אָפּ ווי קנאַלען פון בייטשען.
דאַן לאָזט מען אין שפּאַן זיך פון שווערער האַרעוואַניע
און פעט-לייביגע האַלטען די לייצען...

אַזוי גיסט מען אריין אינ'ם שטראָמיגען לעבען
שווייסיגע ארבייט (פון לעבען די קוואַלען),
פאַרנאַכט קערט מען אום זיך צעבראָכענע, מידע,
מ'רינט אָפּ אין געסלאך, ווי שמוץ אין קאַנאַלען.

טונקעלען די געסלאך. און ערגעץ פאַרבענקט
ציהט זיך אַ ניגון טרויעריג און דין —
דאָס זינגט אויס אַ מיידעל איר בענקשאַפט ביז ווייטאָג
און ריטמיש קלאַפּט צו אַ מאַשין.

מיט אויסגיין פון אָוועגט ווערט שטילער דער ניגון
און פאַלט ווי אין אָנמאַכט פאַרשמאַכט,
נאָר ס'קלאַפּט די מאַשין אַלץ האַסטיגער, גיכער,
אַזוי — ביז אַ שטיק אין דער נאַכט.

דער טאָג ציט זיך ליידיג דורך ליידיגע געסלאך.
דאָס פאָלק איז אַוועק זיך אָפּגעבען דער שטאָט,
ליגט דאָ די געגענט, ווי'ן אויסגעהוילטער גוף
אָהן לעבען, אָהן פלייש און אָהן בלוט.

ס'טאַרטשען ווי קנאָכען אויף אַן אָפּגעצערט לייב
פאַרקאַנעס מיט טירלאך און טויערן,
הילצערנע הייזלאך פון אַלטקייט געבויגען
און הויכע פאַרטונקעלטע מויערן.

קרישלט און ס'שיילט זיך דער טינק אויף די מויערן,
ווי געפּלאַצטע, צעפּאַרעטע הויט ;
און ווי דאָס רויט-פלייש פון אָפענע וואונדן
זעען די ציגעל זיך רויט.

און הינטער די מויערן, ווי אַלטע מצבות,
וואָס הייען מיט פוילעניש, טויט —
איז צעטילט, געקעסטלט צווישען ענגע פיר ווענט,
אין בלייכע חלקים — די נוים.

און ס'זעט אויס ווי שטאָט וואָלט בבזיון די נוים
אַרויסגעשטופּט דאָ — צו איר ראַנד,
ווי אַ גביר שטופּט אַרויס הינטער דער טיר,
זיין אָרעמען קרוב — זיין שאַנד...

ווייל די אָרימקייט ליגט אויף רחבות פון שטאָט,
ווי אַ ברודיגע פלעק אויף העלען געוואַנט,
און אייטערט, און בלוטיגט, און ווייטאָגט ווי אַ וואונד,
וואָס ברענט און פייערט ווי בראַנד.

.2

מיין היים איז פאַרוואָרפען ביים ראַנד פון דער שטאָט,
פאַרזונקען אין אייגענעם טרויער,
קוקט אַראָפּ אויף דער וועלט מיט אַ פענסטער, פיר שויבען,
פון אַ גרויען, אַ ברודיגען מויער.

דאָ בין איך געבוירען, דאָ בין איך דערצויגען,
אויף הפקר, אויף קיינעמס באַראָט,
דאָ בין איך געוואַקסען פאַרווילדעט, פאַרלאָזען,
אַ קינד ביים ראַנד פון דער שטאָט.

דאָ האָבען זיך יאָרען קינדערישע, מיינע
געוואַלגערט אויף שטיינער ווי הינדלאך,
געפּלוסקעט מיט הענטלאך אין שטינקענדע גראָבענס,
געשטיפט מיט לאַסטשענדע ווינטלאך.

זומער — אויף וואַרימע, פאַרעגדיגע מיסטען,
געבאַפּט און געשפּילט זיך מיט פליגען ;
ווינטער — אין הייזער אָהן טירען, אָהן פענסטער,
געיאָגט זיך מיט קעץ אויף די שטיגען.

דאָ האָב איך זיך שרייבען געלערנט אויף פאַרקענס
און לייענען — אויף קרעמערשע שילדען,
און קינדערווייז געטריבען געוואָרען פון הונגער
אויף ברויט צו פאַרדינען אַ גילדען.

אַזוי האָט מיך דאָס לעבען אין נעצען געפאַנגען
און האַלט מיך אין שטענדיגער פּלאָג :
פון מיין אָרימער היים אין ענגע וואַרשטאַטען
פירט מיין וועג יעדען טאָג.

פאַרנאַכט קער איך אום זיך ערנסט און פאַרטראַכט,
מיט אַ שווער און דערשלאָגענעם געמיט ;
שווינדען די געסלאך לאַנגזאם און פויל
אונטער מיינע פאַרמאַטערטע טריט.

דער קאָפּ — טיף געזונקען, איין האַנט — אין טאַש,
אין זייט פאַרוואָרפען אַ פּאָלע ;
און ס'שלאָגט מיר אַנטקעגען אַן אָווער פון גראָבען,
געמישט מיט קאַלך און מיט סמאָלע.

און כ'זעה: פאַר די הייזער רוהט מען פון טאָג אָפּ,
מ'לופטערט אויף דרויסען די לייבער,
פאַרמאַטערט ליגט קליינוואַרג אינמיטען דער גאַס
און שמועסען געמיטלאך די ווייבער.

און שטיל געהט דער טאָג אויס מיט אַ וואַרימען ווינטעל —
מיט אַ לעצטען וואַרימען הויך ;
מיט אַמאָל לויפט פאַרביי אַן אויטאָ ווי'אַ ווינט
און לאָזט נאָך זיך שטויב און אַ רויך.

אַ ווייל טוט אַ ווייה דער אָטעם פון לעבען,
וואָס פליסט אַזוי האַסטיג און ברייט ;
ציטערט מען אויף און מ'בלייבט ווי פאַרבליפט
און ס'קליינוואַרג שפּרינגט אָפּ אַן אַ זייט.

וואָס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאַנאַל

פון פ. דעמביצער

אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער אינטער־נעשאַנאַל אין דער מיטעל וועסט האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף. אַ ברייט פאַרצווייגטע סטרייק כוואַליע האָט אַרומ־גענומען דעם גאַנצען קאָטען גאַרמענט צענטער. אין שיקאַ־גאָ און אין קליוולאַנד; אין סט. לואיס און אין דעקאַ־טור; און אין דאַלאַס אין דער סאָוט, זיינען אונזערע אָרגאַניזאַציעס פאַרוויקעלט אין גרויסע סטרייקס. די אָפּען־שאָפּס אין דער קאָטען גאַרמענט אינדוסטריע געפינען זיך אונטער אַ קרייצפייער, וואָס די אינטערנעשאַנאַל האָט אונטערגעצונדען צו פאַרניכטען די לעצטע סוועט שאָפּ פעסטונגען אין דער פרויען באַקליידונגס אינדוסטריע און צו ברעכען די עקשנות'דיגקייט פון די פרעכע קאָטען גאַר־מענט מאַנופעקטשורערס.

דובינסקי אויפ'ן שלאַכטפעלד

בעת דער לעצטער וואָך פון פעברואַר חודש האָט זיך דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל געפונען אויף דעם שלאַכטפעלד צווישען די סטרייקער פון דער מיטעל וועסט. ברודער דובינסקי האָט פאַרלאָזט ניו יאָרק זונטאָג נאַכט דעם 24טען פעברואַר און האָט זיך צוערשט אָפּגעשטעלט אין קליוולאַנד. פון דאָרט איז ער אָפּגע־פאָהרען קיין שיקאַגאָ און מילוואָקי, וואו עס קומען פאָר אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיינס און סטרייקס אין דער קאָטען גאַרמענט אינדוסטריע. אין קליוולאַנד האָט אויסגעבראָ־כען אַ סטרייק פון אַרבייטער אין צוויי פעקטאָרים פון דער ל. ג. גראָס קאָ., וואָס דויערט שוין זעקס וואָכען. אין שיקאַגאָ קומט פאָר אַ גענעראַל סטרייק, אין וועלכען עס זיינען פאַרוויקעלט עטליכע טויזענט קאָטען דרעס אַרביי־טער פון פאַרשידענע פעקטאָרים; אין דעקאַטור אילינאָי פיהרען די אַרבייטער אָן אַ וואונדערבאַרען קאַמף אין פיער שעפער פאַר יוניאָן אָנערקענונג; אין סט. לואיס זיינען נאָהענט טויזענט אַרבייטער פאַרוויקעלט אין אַ סטרייק געגען די באַקאַנטע פאָרעסט סיטי קאָמפּאַני, פאַר בלעקליסטען און דיסטשאַרדזשען אַרבייטער; און אין דאַלאַס קומט פאָר אַ סטרייק געגען אַ וויכטיגער קאָטען דרעס פעקטאָרי, וואָס האָט דיסטשאַרדזש אַרבייטער פאַר באַלאַנגען צו דער יוניאָן.

קליוולאַנד

דער גייסט פון די סטרייקער אין קליוולאַנד איז אויסגעצייכענט. פון דאָרט שרייבט אונז וויס־פּרעזידענט אַב. קאַטאָווסקי, דער מענעדזשער פון דעם קליוולענדער דזשאָינט באָאַרד: „אויב מיר וואָלטען אַליין אויסגע־קליבען די סטרייקער, וואָלטען מיר ניט געקענט האָבען אַ בעסערע חברה און מוטיגערע קעמפער ווי עס זיינען די סטרייקער וואָס פיהרען דעם האַרטנעקיגען קאַמף מיט דער קאָטען דרעס פירמע פון ל. ג. גראָס אין קליוולאַנד און אין קענט, אָהייאָ. זיי קעמפען שוין זעקס וואָכען פאַר העכערע ווידזשעס און יוניאַן אָנערקענונג. ניט געקוקט דערויף וואָס די פירמע האָט אַרויסבאַקומען אַן אינ־דזשאָנקשאָן פון ריכטער דעמפּסעי וואָס באַגרעניצט די צאָהל פּיקעטערס אויף דריי סטרייקער, ווערט די גראָס פעקטאָרי קיינמאָל ניט געפּיקעט פון ווייניגער ווי דריי הונדערט און אָפטמאָל אַזוי פיל ווי פון טויזענט אַרביי־טער. אַלע טרייד יוניאָנס אין קליוולאַנד אונטערשטיצען דעם סטרייק געגען דער גראָס פירמע. זיי העלפען אונז פּיקעטען, טוען די רוטינע אַרבייט און העלפען אונז די סטרייקערס צו באַזאָרגען מיט לאַנטש און קאַר־פעיר.

עס איז פאַר יעדען אין קליוולאַנד קלאָר אַז די גראָס פעקטאָרי ווערט אונטערשטיצט אין איהר קאַמף מיט דער יוניאָן פון די פאַרבינדעטע אינדוסטריעס, אַן אָפּען שאָפּ אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער פּרואוו לאַנג אין קליוולאַנד איז דער הויפּט מאַכער. די סטרייקער זיינען אָבער זיכער אין אַ באַלדיגען טריומף.

דעקאַטור און דאַלאַס

וועגען דעם קאַמף אין דעקאַטור וועט דער לעזער פון דער „גערעכטיגקייט” געפינען אַן אויספירלאַכע שיל־דערונג פון ברודער ביאַלים' אַרטיקעל אויף אַן אַנדער אָרט.

פון דאַלאַס שרייבט אונז ברודער מאיר פּערלשטיין, דער פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאַנאַל אין דער מיט־טעל־וועסט אַז דאָרט איז דעם 11טען פעברואַר אויסגע־בראָכען אַ סטרייק געגען דער מאַרטאָן דייווים און דאָ־נאָוואַן מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני, פּראָדוצירער פון פרויען קאָטען און וואַש דרעסעס, ווייל די קאָמפּאַניע האָט אָפּגעזאָגט פיער אַרבייטער פון דער אַרבייט ווייל זיי באַ־לאַנגען צו דער יוניאָן. דער קאַמף ווערט דאָרט פאָרט־געזעצט מיט דער גרעסטער אַנטשיידענקייט.

די פּאָליס באַהאַנדעלט די סטרייקערס, מייסטענס פרויען, מיט אַ שטוינענדער ברוטאַליטעט. די שווערע פיסטס פון די דאַלאַסער פּאָליס האָבען באַשעדיגט ניט איין קאָפּ פון די פרויען סטרייקער אויף דער פּיקעט ליין וועלכע האָבען געטראָגען צייכענס. די דאָזיגע פירמע האָט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבייט פיער אַרבייטער, פאַר באַלאַנ־גען צו דער יוניאָן, גאַראַנטירט פון פּרעזידענט רוזוועלט — די אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יו־ניאָן. פילע פון די פּיקעטס האָבען געמוזט זייערע וואונ־דען לאָזען באַנדאַזשירען פון דאָקטאָר. די סטרייקער האָבען אָבער ווייטער פאָרטגעזעצט צו פּיקעטען מיט דעם דעם געזאַנג פון אַרבייטער לידער אויף די ליפּען.

די אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט פון דאַלאַס אונ־טערשטיצט די סטרייקער מיט'ן גאַנצען האַרצען.

שיקאַגאָ און סט. לואיס

ביים שרייבען די דאָזיגע שורות דערהאַלטען מיר טעלעגראַפישע ניעס פון שיקאַגאָ און פון סט. לואיס. פון שיקאַגאָ טעלעגראַפירט וויס־פּרעזידענט ביאַלים, אַז דער סטרייק געגען די דרעס קאָטען פעקטאָרים, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכען דעם 16טען פעבדואַר, האַלט זיך אין פאַרשפּרייטען מיט יעדען טאָג און נעמט אַלץ אַרום נייע שעפּער. די סטרייקערס זיינען ענטוזיאַסטיש און געפינען זיך אין בעסטען גייסט. פּיקעטס באַלאַגערען די סטריי־קענדע סעקטאָרים.

פון סט. לואיס טעלעגראַפירט ברודער פּערלשטיין פאָלגענדע ווערטער:

ביז איצט וויסען מיר ניט פון אַן איינציגען סטרייק־ברעכער ביי דער פאָרעסט סיטי מאַנופעקטשורינג קאָמ־פּאַני אין סט. לואיס און אין קאָלינסוויל, איל., וואו עס געהט אָן אַ פאַרביטערטער קאַמף. די פירמע, ווי דערוואַר־טעט, קעמפט מיט ספּעציעל געדונגענע גאַרדס. אונזערע סטרייקער קען מען אָבער אַזוי לייכט ניט אָפּשרעקען. די נויט, וואָס זיי האָבען יאָהרענלאַנג געליטען דורך דער פירמע„ וואָרנט זיי און גיט זיי באַגייסטערונג צום קאַמף ביז צום ענדגילטיגען זיג.

פרינץ־בידערמאַן — אַ יוניאָן שאָפּ

ערב די גרויסע קאַמפּען אין דער קאָטען גאַרמענט אינדוסטריע פון דער מיטעל־וועסט, האָט די אינטערנעשאַ־נאַל פאַרצייכענט אַ היסטאָרישען זיג דורך דער יוניאָני־זירונג פון דער לעצטער גרויסער קלאָוק פירמע, וואָס איז יאָהרען לאַנג געשטאַנען ווי אַ ניט יוניאָן פעסטונג וואָס איז געווען ניט איינצונעמען. מיטוואָך, דעם זעקסטען פעברואַר, האָט פּרעזידענט דובינסקי גאַנץ אומערוואַרט געבראַכט די פריידיגע בשורה וועגען דער יוניאָניזירונג פון פּרינץ־בידערמאַן שאָפּ אויף דעם שעהנעם אינסטאַ־לײשאָן מיטינג פון דער ניו יאָרקער פרעס הרעסערס יוניאָן לאָקאַל 60.

אינסטאַלירענדיג די נייערוויילטע יוניאָן אַדמיני־סטראַציע פון די דרעס פּרעסערס האָט דער פּרעזידענט

דער סעטעלמענט מיט דער פרינץ־בידערמאן פירמע

פון א. ראזענבערג.

פאר די יעניגע מיטגלידער וואס זיינען געווארען יוניאן לייט אין די לעצטע צעהן־פופצעהן יאהר און זיינען ניט שטארק באקאנט מיט דער אנטוויקלונג און מיט די קאמפען וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט דורכגעמאכט אין די ערשטע יאהרען פון איהר אנטוויקלונג, וועט דיזער פרינץ־בידערמאן אינצידענט באטראכט ווערען אלס א געוויינליכע פאסירונג. נאך א שאפ האט געסעטעלט, און דאמיט פאסירט. מעהר קיין טאראראם וועט מען דערביי ניט מאכען. פאר די עלטערע אבער, וואס זיינען געשטאנען ביים געבורט פון דער אינטערנעשאנאל און האבען מיטגע־מאכט אלע איהרע קאמפען, איהרע זיגען און נידערלאגען ביז זי האט ענדליך געקענט שטעהן אויף אייגענע פיס, — פאר די, זאגען מיר, איז די געשעהעניש א זעהר וויכטיגע

וויסען דארפט איהר, אז פאר די פינף און דרייסיג יאהר וואס אונזער אינטערנעשאנאל עקזיסטירט, איז די פרינץ־בידערמאן פירמע געווען א יוניאן שאפ א גאנץ קור־צע צייט, און דאס איז געווען אין יאהר 1903. די שמחה האט אנגעהאלטען ווייניגער ווי א יאהר צייט. אבער דער־מאלט איז עס אויך ניט געווען קיין יוניאן שאפ ווי מיר פארשטייען עס איצט. די יוניאן האט קאנטראלירט די קאטערס וואס האבען געארבייט אינסייד, אויך א טייל פון די אויטסייד שעפער וואס זיינען באשטאנען פון באַ־העמישע קאנטראקטארס. דעם אמת מעג מען דא אויך זאגען, אז די באהעמישע קאנטראקטארס זיינען געווען די ריכטיגע יוניאן לייט. די באהעמישע מיידלאך וואס האבען דארטען געארבייט זיינען נאך געווען גאנץ ווייט פון פאר־שטיין וואס א יוניאן מיינט פאר זיי.

זינט 1903 איז דער שאפ געווען א סקעב שאפ. ווי־פיל כוחות די אינטערנעשאנאל צוזאמען מיט די קליוולאנ־דער יוניאנס האבען ניט אוועקגעלעגט צו ארגאניזירען דיזען שאפ, איז עס אלץ ניט געלונגען. אלע סטרייקס וואס זיינען אין דיזען שאפ גערופען געווארען זיינען פארלארען געגאנגען.

אין 1909 איז דער קליוולאנדער יוניאן שוין געלונגען צו ארגאניזירען א גרויסען טייל פון די ארבייטער און ארויסרופען א סטרייק פאר יוניאן אנערקענונג. דער סוף איז געווען — נאך זעקס און צוואנציג וואכען קעמפען האָ־בען מיר דעם סטרייק געמוזט אויפגעבען אלס א פאר־לארענעם.

אין 1911, ווען די קליוולאנדער קלאוקמאכער האבען ארויסגערופען א דזשענעראל סטרייק און כמעט אלע שעפער זיינען אפגעסעטעלט געווארען, איז פון דער פרינץ־בידערמאן פירמע קיין איינציגער ניט ארונטער אין סטרייק. דעם ביי־שפיל פון דער פרינץ־בידערמאן פירמע האבען גענומען די אנדערע קליוולאנדער מאנופעקטשורערס און האבען אנגע־פאנגען אנפילען זייערע שעפער מיט אימפארטירטע סקעבס פון ניו יארק, פילאדעלפיא און שיקאגא און האבען אונז באקעמפט ביז ארונטער. מיט איין ווארט, די פרינץ־בי־דערמאן פירמע איז געווען די יעניגע, וואס האט אונז אומ־מעגליך געמאכט צו קאנטראלירען דעם קלאוק מארקעט אין קליוולאנד.

וויסענדיג פון די אלע צרות וואס מיר זיינען אויס־געשטאנען פון דער פירמע דורך די פינף און דרייסיג יאהר פון אונזער עקזיסטענץ, איז די נאכריכט, אז די פירמע האט ענדליך איינגעשטימט צו שליסען אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנאל איינע פון די וויכטיגסטע פאסירונגען, און מיר קענען ווירקליך גראטולירען די קליוולאנדער לאָ־קאלען צוזאמען מיט פרעזידענט דובינסקי פאר זייער גרוי־סען אויפטו.

מיינט איהר דאך אפשר, אז דער פרינץ־בידערמאן שאפ איז געווען א סוועט שאפ, ווי מיר ווייסען עס פון ניו יארק און אנדערש וואו, און אז די ארבייטער זיינען געווען סוועט שאפ שקלאפען? מאכט איהר אויך א טעות. אין דער אמת'ן איז דער שאפ איינער פון די פיינסטע וואס מיר האבען אין אמעריקע. א רעגעלער פאלאץ מיט אלע באקוועמליכקייטען וואס נאר מעגליך. א באזונדער פלאר פאר א דיינינג רום, כדי די ארבייטער זאלען מיטאג שטונדע ניט דארפען שטופען זיך אין די געפאקטע רעס־טאראנען. אויך איז דארטען איינגעפיהרט געווען, אז יעדען אין דער פריה, ווען די ארבייטער קומען צו דער ארבייט, און אין אווענט, ווען זיי געהען אהיים, איז אן אנגעשטעלטער פון דער פירמע געשטאנען ביי דער טיר און מיט א שמייכעל יעדען ארבייטער געוואונשען א גוט מאר־גען אדער א גוטע נאכט.

וואס אנבאלאנגט די פארדינסטען, איז פאר א טייל ארבייטער ניט שלעכט געווען. איך ווייס ניט ווי עס איז איצט, אבער אין מיינע צייטען, ווען איך בין געקומען אין קאנטאקט מיט קליוולאנד, איז דער סיסטעם געווען דער פאלגענדער: די פירמע פלעגט אריבערברענגען פון ניו יארק די בעסטע דעזיינערס און פארלייטע, אויך גוטע אפע־רייטארס און פינישער, און זיי האט מען געצאהלט גרע־סערע וועידזשעס ווי די אפערייטארס און פינישער האבען באקומען אין אנדערע שעפער אין קליוולאנד. ביי יעדען אפערייטאר און פינישער האט מען אוועקגעזעצט פינף אדער זעקס מיידלאך, זיי זאלען זיך לערנען מאכען געוויסע טיילען פון דעם גארמענט. די געלערנטע בעלי־מלאכות האבען פיגורירט אלס סעקשאן פארלייטע אויפצופאסען, אז די מיידלאך זאלען מאכען זייער טייל ארבייט ריכטיג.

ווי ווייניג די מיידלאך זאלען ניט פארדינען, זיינען זיי צופרידען געווען, ווייל, ערשטענס, האבען זיי זיך גע־לערענט נייהען קלאוקס. צווייטענס, ווייל ביי אנדערע טריידס האבען זיי נאך ווייניגער פארדינט. האבענדיג אזא שעהנעם שאפ און פארדינענדיג מעהר ווי ביי אנדערע טריידס, האבען זיי זיך ניט באטראכט ווי שקלאפען און האבען פון א יוניאן ניט געוואלט וויסען. דערפאר איז עס די קליוולאנדער יוניאנס אזוי שווער געווען דעם שאפ צו ארגאניזירען.

וואסערע מעטאדען די יוניאנס האבען איצט אנגע־ווענדעט צו ארגאניזירען דיזען שאפ, ווייס איך ניט. יעדענ־פאלס איז עס אן אויסגעצייכענטע שטיק ארבייט, פאר וועלכער זיי דארפען באגריסט ווערען.

איך ווייס איינענטליך ניט די איינצעלהייטען פון דעם סעטעלמענט, וואס די ארבייטער האבען דערביי געוואונען, נאר זאל זיין ווי עס איז. דער פאקט אליין, אז פרינץ־בידערמאן האט צוגעשטימט צו יוניאניזירען זיין פעקטארי איז שוין א גרויסער זיג. עס וועט מעגליך מאכען די קליוולאנדער קלאוקמאכער צו ארגאניזירען זייער טרייד א הונדערט פראצענט. ווייל וואס אנבאלאנגט ארבייטס־געלט גלויב איך, אז פרינץ־בידערמאן האט ארבייטס געלט געקאסט אויך ניט מעהר, ווייניגסטענס אזוי פיל ווי אנדערע מאנופעקטשורערס אין דעם זעלבען ליין.

זאלען נאר די ארבייטער דערפיהלען דעם טעם פון אן אמת'ע יוניאן, וועלען זיי זיך ניט וועלען אומקערען צו אזעלכע יוניאנס וואס די באסעס באשאפען פאר זיי, וואו די פארלייטע און די מענעדזשערס זיינען די באעמטע. זיי וועלען ערשט אויסגעפינען, אז א ריכטיגע יוניאן מיינט צו פארטרעטען די גערעכטע אינטערעסען פון די ארבייטער.

די אלע אלד־טיימערס צוזאמען מיט מיר, פאראייניגען זיך צו באגריסען די קליוולאנדער דזשאינט באארד, אויך איהר מענעדזשער ברודער קאטאווסקי, צוזאמען מיט אונזער פרעזידענט דובינסקי פאר דעם דזשאב וואס זיי האבען געמאכט.

מיר ווינשען אייך גליק אין אלע אייערע וויטערדיגע אונטערנעמונגען!

א יום־טוב'דיגע פרייליכע שטימונג און יעדער האט גע־
פיהלט אז די יונגע פרעסערס יוניאן אין דרעס טרייד
האט נים בלויז א געזונטען גוף, נאר האט אויך א שעהנעם
פראלעטארישען גייסט און נשמה.

ניו יארקער קלאוקמאכער העכערען דיוס

די אדמיניסטראציע פון דער ניו יארקער קלאוק
אפערייטארס יוניאן האט דינסטאג, דעם 16טען פעברואר,
אפגעהאלטען א גלענצענדען זיג. די עקזעקוטיוו באארד
פון לאקאל 1 האט פאר דיזען אווענט גערופען א ריזיגען
מאסען מיטינג פון די מיטגלידער מיט'ן צוועק דארט
פארצולעזען איהרע רעקאמענדאציעס בנוגע דער דיוס־
העכערונג פאר דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון לאקאל.
עס זיינען צום מיטינג געקומען העכער 1800 מיטגלידער
און ווען די רעקאמענדאציעס פון דער אדמיניסטראציע
זיינען פארגעלייגט געווארען צו דער אפשטימונג, האבען
בלויז עטוואס מעהר ווי צוויי הונדערט אנוועזענדע גע־
שטימט דאגעגען. די ריזיגע מאיאריטעט מיטגלידער פון
לאקאל האט געשטימט פאר דער דיוס העכערונג. דער
ראזיגער באשלוס האט באוויזען וואס פאר א גרויסען
און געשלאסענעם פארטרויען די פיהרערשאפט פון דער
יוניאן באזיצט צווישען די מיטגלידער. ווארום, מען דארף
נים פארגעסען, אז די נאנצע אפאזיציע פון לאקאל האט
זיך פאראייניגט געגען דער אדמיניסטראציע און האט מא־
ביליזירט אלע כחות צו דיזען מיטינג. אונזערע קאמוניס־
טישע פריינד האבען מורא געהאט אז דער מיטינג זאל
חס ושלום נים זיין קיין דורכפאל און זיי האבען ארויס־
געלאזט א באזונדערען ליפלעט אין קלאוק מארקעט, אגיטי־
רענדיג אלע זייערע אנהענגער אז זיי זאלען קומען, און
פונדעסטוועגען האבען זיי, שוין צוגערעכענט די אומצו־
פרידענע פון אלע אנדערע גרופען נים באוויזען אויפצו־
צעהלען מעהר ווי 292 שטימען. פופצעהן הונדערט האבען
געשטימט פאר דער אדמיניסטראציעס רעקאמענדאציעס.

כאראקטעריסטיש איז, אז דער ליפלעט איז אין גע־
נענזאץ צו דער ביז־איצטיגער מעטאדע פון די קאמוניס־
טען, געווען געשריבען אין אן אנשטענדיגען, יוניאן מע־
סיגען טאן. דאס איז אין איינקלאנג מיט דער פארענדער־
טער קאמוניסטישער מעטאדע אויף דער אלגעמיינער ליניע.
זינט א קורצער צייט האבען די קאמוניסטען געענדערט
זייער מארק שרייערישען זידעל־לשון אויף א פארהעלטניס־
מעסיגער אנשטענדיגער שפראך בנוגע די יוניאנס. עס
איז א נייע מעטאדע הינטער וועלכער עס ליגט באהאלטען
די אלטע טיוולאנישע כוונה. די קאמוניסטען האבען איינ־
געזעהען אז די זידעל־מעטאדען פיהרען צו גארנים, האבען
זיי געענדערט זייער טאקטיק. זיי האבען זיך איבערציינגט
אז זיי קענען אונז נים פאר'סם'ען מיט גיפט, ווילען זיי
דאס איצט טאן מיט פערפיום! דער ניו יארקער אפעריי־
טארס מיטינג האט קלאר באוויזען אז אונטער די נייע
זיסע רייד ליגט די אלטע צערברעכערישע און פארכאפע־
רישע אבזיכט.

קומענדיג צום מיטינג האבען זיי זייערע אנהענגער
פארשפראכען אז זיי האבען א פלאן ווי אזוי אויסצואר־
בייטען א בודזשעט אהן דיוס העכערונגען.

ווען די יוניאן אדמיניסטראציע האט זיי געוויזען דעם
בודזשעט פון דער יוניאן און האט זיי געפרעגט צי מען
קען דעם בודזשעט שניידען דורך שניידען די וויידזשעס
פון די בעאמטע אדער דורך אנדערע איינשפארונגען, האבען
זיי צוגעגעבען אז מען קען עס נים טאן. זיי האבען בלויז
פארלאנגט איין קלייניגקייט — אז מען זאל שניידען די
פער־קאפיטא פון דזשאינט באארד און פון דער אינטער־
נעשאנאל. דא האט זיך גלייך באוויזען דער אונטערשייד
צווישען זייערע נייע זיסע רייד און זייערע אלטע טאקטיקס,
און אנשטאט דעם פארשפראכענעם פלאן האבען זיי פארגע־
שלאגען דעם ענין איבערצוגעבען צו א קאמיטע. די מיט־
גלידערשאפט האט זיך אבער נים געלאזט פארנארען פון
דער נייער קאמוניסטישער טאקטיק און זי האט מיט א
ריזיגער מאיאריטעט געשטימט פאר העכערען די דיוס פון
35 אויף 50 סענט א וואך. די מיטגלידער האבען געפיהלט
אז זיי מוזען דער יוניאן געבען די מיטלען אנצוגעהן מיט
דער פארצווייגטער ארבייט וואס דער קאוד האט בא־
שאפען, אז זי מוז דער יוניאן געבען א געלעגענהייט צו
פארגרעסערען און צו פארבעסערען איהר אויפפאסונגס־
ארבייט אויף סעטלען די פרייזען, אויף דורכפיהרען די
קאנטראלירונגס ארבייט אין די שעפער, אז די יוניאן בא־
דינגונגען זאלען אפגעהיט ווערען.

א בריוו פון גאליצישע שניידער צו פרעז. דובינסקי

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען זיך די אידישע
שניידער יוניאנס פון פוילען געווענדעט מיט א נויט־
און הילפס־געשריי צו די טרייד יוניאנס פון דער נידעל
אינדוסטריע אין אמעריקע. ברודער דובינסקי האט דער־
מאלט אויף זיך גענומען די איניציאטיווע צוזאמענצורופען
א קאנפערענץ פון די באטרעפענדע יוניאנס מיט דעם
צוועק צו ענטפערען אויף דער ווענדונג פון אונזערע ברי־
דער אין פוילען. אזא קאנפערענץ איז פארגעקומען און
עס איז באשלאסען געווארען צו זאמלען 15 טויזענט
דאלאר. צוויי טויזענט דאלאר זיינען אויפ'ן ארט געשא־
פען געווארען און זיינען אפגעשיקט געווארען קיין פוי־
לען. פון די צוויי טויזענט דאלאר זיינען 500 באשטימט
געווארען פאר די אידישע ארבייטער אין טארנאוו, גא־
ליציען, וואו עס געפינען זיך א גרויסע צאהל אידישע
שניידער, וועלכע האבען מיט זייער איינענעם בלוט און
שווייס אנגעפאנגען צו בויען אן אייגענע ארבייטער היים,
וועלכע זיי קענען נים פארענדיגען ווייל זיי האבען מעהר
קיין מיטלען דערצו. אלס ענטפער פאר דער שטיצע וואס
זיי האבען באקומען, האבען זיי צוגעשיקט א בריוו צו
פרעזידענט דובינסקי. דער בריוו לייענט זיך ווי פאלגט:

דוד דובינסקי,
פרעזידענט פון אינטערנעשאנאל,
ניו יארק:
טייערער חבר:

אויפ'ן גרונד פון אן איינשטימיגען באשלוס פון א
קאנפערענץ פון אלע אידישע ארבייטער אינסטיטוציעס
פון טארנאוו, בין איך בעאויפטראגט, אין נאמען פון די
אידישע ארגאניזירטע ארבייטער, בפרט פון די באקליידונג
ארבייטער, אייך אויסצודריקען אונזער הארציגסטען דאנק
פאר דער שפענדע פון 500 דאלאר וועלכע מיר האבען
פון אייך דורך דער פארמיטלונג פון ח' נח באקומען.

די אונטערשטיצונג, וועלכע מיר האבען דערהאלטען,
האט אויף אונז א זעהר גרויסען איינדרוק געמאכט. נישט
נאר איהר האט אונז מאטעריעל געהאלפען, נאר אייער
האנדלונג פון ברידערליכער סאלידאריטעט מונטערט אונז
אויף און ברענגט אריין פרישען מוט צום אויסדויער אין
די שווערע צייטען.

דער ח' הערשקאוויץ האט אייך געוויס איבערגעגעבען
זיינע איינדריקע פון אונזער באוועגונג, וואס ער האט ביי
אונז געזעהן און באריכטעט וועגען אונזער לעבען. אבער,
ליבע פריינד, זייט דאן האט זיך די לאגע פון די אידישע
פאלקס־מאסען נאך מעהר פארערגערט. די ארבייטסלאז־
זיגקייט און די זעהר קליינע פארדינסטען פון די וואס
האבען שוין דאס גליק צו ארבייטען, דריקט וואס אמאל
מעהר די ארבייטענדע מענשען אין אפגרונט פון נויט און
עלענד. דערצו קומט נאך די באקאנטע אויסראטונגס־
פאליטיק פון אונזערע מושלים און דאס אלעס מאכט
דאס לעבען אומערטרעגליך.

נישט געקוקט אבער אויף די שווערע באדינגונגען,
איז פשוט צו באוואונדערען ווי די אידישע ארבייטער אין
פוילען אונטער דער אנפירונג פון „בונד" און פון די
פראפעסיאנעלע פאראיינען פיהרען זייער טאג־טעגליכען
קאמף פאר א בעסערען שיקזאל און פאר א גערעכטערע
וועלט. נאר דער טיפער און אומערשיטערלאכער גלויבען
אין א וועלט פון סאציאלער גערעכטיגקייט, וועלכען מען
מוז צוזאמען מיט'ן אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט
אויסקעמפפען, גיט אונז אזוי פיל כח די היינטיגע טרויע־
ריגע ווירקליכקייט דורכצוהאלטען.

אין דעם זין האט אונז אייער הילף נאך מעהר גע־
שטארקט. ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר אייך אויך
איבער דער ארטיגער באוועגונג אינפארמירען. די איד־
ישע ארבייטערשאפט אין טארנאוו באשטעהט פון בערך

פון דער אינטערנעשאנאל דערצעהלט דעם פארזאמעלטען עולם אז ער האט זיך פארשפעטיגט צום מיטינג ווייל ער איז נאר וואס ארויס פון דער קאנפערענץ רום מיט דער פירמע פרינץ־בידערמאן, וואס האט געדויערט עטליכע טעג אנפאנגענדיג זיך אין וואשינגטאן און פארענדיגענדיג זיך אין ניו יארק מיט דעם רעזולטאט, דאס די דאזיגע פירמע איז געווארען א יוניאן פירמע און האט צוגע־שטימט אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט דער אינ־טערנעשאנאל. אין זיין ווייטערדיגער רעדע האט דר בינסקי ערקלערט:

דאס איז צום ערשטען מאל זינט 1908, דאס די פרינץ־בידערמאן פירמע טרעט ווידער איין אין קאנט־ראקטליכע באציהונגען מיט דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. וועהרענד אט דער גאנצער צייט האט די פירמע אנגעהאלטען אין איהר שאפ אן ארגאניזאציע פון איהרע ארבייטער. מיר האבען אלעמאל געהאט דעם פארלאנג דאס די דאזיגע פירמע זאל זיין א טייל פון דעם קאלעקטיווען אגרימענט, וואס עקזיסטירט אין דער קלאוק אינדוסטריע. נים געקוקט אויף די פילע באמיהונגען וואס די יוניאן האט אנגעווענד איז די דא־זיגע פירמע געווען ערפאלגרייך אין איהר ווידערשטאנד צו אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט אונז.

אונטער די איצטיגע אפמאכונגען ווערט די פרינץ־בידערמאן פירמע א יוניאן פירמע און די יוניאן קוקט אוועק פון איהרע ביז איצטיגע פיהרונגען און מעטאָדען בנוגע דאס טשארטערן פון לאקאל יוניאנס און מאכט אן אויסנאמע דערמיט, וואס זי ערלויבט די ארבייטער פון דער פרינץ־בידערמאן פירמע צו האבען אן אייגענעם לאקאל אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער אינ־טערנעשאנאל. מיר באטראכטען דיזען נייעם מעטאָד פון באציהונגען צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער ווי עס איז דא געשילדערט געווארען אין אט דעם ספעציעלען פאל אלס דעם בעסטען אויסגאנג צו די ספעציעלע נויטען און באדינגונגען פון די ארבייטער אין דיזען שאפ און פאר זייערע ספעציפישע שאפ אינטערעסען.

איך באטראכט דעם דאזיגען סעטלמענט אלס א רעז־ולטאט פון דעם אלגעמיינעם גייסט פון דער צייט און אלס אן אויסדרוק פון אן עכטען פארלאנג מצד ביידע צדדים צו מאן זייער מעגליכסטע בנוגע די עקאנאמישע פארבעסערונגען פון אמעריקאנער פאלק".

די איינצעלהייטען פון אגרימענט, וואס אנבאטרעפט די ארבייטס־באדינגונגען, באשעפטיגונג פון יוניאן אר־בייטער און אן אימפארשעל מאשינערי פאר אויסגלייכען סכסוכים, איז איבערגעלאזט געווארען צו דער ארביט־ריישאן פון דר. ארטור רובין, פון דעם שיקאגאער אוני־ווערסיטעט. און ביידע צדדים האבען זיך פארפליכטעט צו אונטערשרייבען דאן דעם אגרימענט און איהם אויס־צופיהרען. דר. רובין, וועלכער איז אויך דער דירעקטאר פון דער קלאוק און סוט אויטאריטי אין שיקאגא, איז אויך דערמאנט געווארען אלס אומפארטייאישער טשער־מאן.

דער אגרימענט פון דער יוניאן מיט דער פרינץ־בידערמאן פירמע איז א גרויסער פאקטישער און נאך א גרעסערער מאראלישער זיג פאר דער אינטערנע־שאנאל. דער פאקט, וואס די פיהרערשאפט פון דער אינ־טערנעשאנאל האט צוגעשטימט צו מאכען אן אויסנאם און טשארטערן די ארבייטער פון דער פירמע אלס א באזונדערען לאקאל אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער אינטערנעשאנאל און נים אונטער דער אויפזיכט פון דעם קליוולענדער דזשאינט באארד, פארקלענערט נים אויף א האר די גרויסע באדייטונג פון אט דעם ערפאלג. די קליוולענדער ברידער מיט וויס־פרעזידענט אב. קאטאור־סקי אן דער שפיץ, וועלכער האט אזעלכע גרויסע פארדינ־סטען אין אט דעם ערפאלג, פארשטעהען זייער די נויט־ווענדיגקייט פון אט דעם קאמפראמיס. א טרייד יוניאן מוז זיין קאמפראמיסליך און פעהיגע פיהרערשאפט ליגט דווקא אין דער פעהיגקייט צו זיין עלאסטיש און בויגזאם ווען דאס איז אבסאלוט נויטווענדיג. און ווען אזא האנד־לונג פארשפרעכט סוף כל סוף צו פיהרען צו אן ענדגיל־טיגען ערפאלג. ווארים איינמאל א יוניאן שאפ, וועט שוין זיין א סך לייכטער די פארבינדונגען מיט דער פיר־מע שפעטער איינצואָרדנען לויט דעם אלגעמיינעם מעטאָד פון דער אינטערנעשאנאל.

דער פאקטישער געווינס ליגט דערין אז דער שאפ ווערט א יוניאן שאפ; אז די ארבייטער וועלען געניסען יוניאן באדינגונגען, אז אלע ארבייטער אין שאפ מוזען זיין יוניאן לייט און אז די אינטערנעשאנאל וועט האבען די אויפזיכט אויף די באדינגונגען אין שאפ. דער מא־ראלישער ערפאלג איז אבער א סך גרעסער. ערשטענס, וואס דער גרעסטער שאפ אין דער קלאוק אינדוסטריע איז געווארען א יוניאן שאפ, וואס די נים יוניאן מאנופעק־טשורערס האבען פארלארען א וויכטיגען שטיצפונקט אין דער קאוד אויטאריטי, וואו די פרינץ־בידערמאן פיר־מע איז געווען זייער וויכטיגסטער פארטפיהרער און הויפטזעכליך וועט דאס זיי שאדען אין די אויגען פון דער עפענטליכע מיינונג. מיט דעם באזיגען פון אט דער וויכ־טיגער לעצטער נים־יוניאן פעסטונג, ווילען שוין די אנ־דערע נים־יונאן נאכשלעפער קענען א סך לייכטער פאר־טיגינט ווערען.

יתיאן פייערונגען

אין דער לעצטער צייט זיינען פארגעקומען א גרע־סערע צאהל יוניאן פייערונגען פון פארשידענעם כאראק־טער. אונזער ארגאניזאציע איז זיך אזוי צעוואקסען אז כמעט יעדע וואך קומען פאר פייערונגען אין פארשידענע פארמען און פון פארשידענעם כאראקטער. די אלטע לאקאלס פייערען צוואנציג און פינף און צוואנציג יאהר־ריגע יובילעאומס; נייע לאקאלס פראווען יארעס־פייע־רונגען. איצט די אפטע טשארטער פייערונגען, און לעצ־טענס זיינען אונזערע אינסטאלליישן מיטינגען געווארען אזוי יום־טוב'דיג און ענטוזיאסטיש און אינטערעסאנט, אז יעדע אינסטאלליישאן שטעלט מיט זיך פאר אן אמת'ע יוניאן פייערונג. ליידער, אין די „גערעכטינקייט" א מא־נאטליכער קאמפס־ארגאן פון דער יוניאן און האט נים גענוג ארט צו פארצייכענען אט די אלע פייערונגען, וועל־כע פארדינען אבסאלוט א געהעריגע אויפמערקזאמקייט. מיר ווילען בלויז כראנאלאגיש פארצייכענען די טשאר־טער פעסטען פון ניו יארקער בעלט־מאכער, פון די דרעס־פעטערן מאכער, דעם יארעספעסט פון די ניו יארקער אל־טעריישאן שניידער, דעם ריזיגען יוניאן יום־טוב אין ניו הייווען, וואס האט צוזאמענגעבראכט העכער זעקס טוי־זענט יוניאן לייט מיט זייערע פריינד. מיר קענען אבער נים אפקומען מיט א בלויזער באצייכענונג פון דעם אינ־סטאלליישאן מיטינג פון דער ניו יארקער דרעס פרע־סערס יוניאן לאקאל 60, וועלכען מיר האבען שוין דערמאנט.

די וואונדערבארע אינסטאלליישאן מיטינגען פון די קלאוקמאכער לאקאלס 1, 9 און 35 און איצט דער אינ־סטאלליישאן מיטינג פון די דרעס פרעסערס, באווייזען א נייעם שטריך אין אונזער אינערליכען יוניאן לעבען. עס פיהלט זיך אין די דאזיגע מיטינגען דער גייסט און די באמיהונגען פון עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, וואס איז לעצטענס אזוי אקטיוויזירט און סטאביליזירט געווארען אריינצוברענגען א נייע נשמה אין אונזער יוניאן לעבען. אריינצוברענגען די טענער פון געזאנג און פרייד אין פינסטערען לעבען פון די ארבייטער. מען האט ענדליך ביי אונז אנגעפאנגען צו פארשטעהן אז א קערפער מוז האבען א גייסט און א נשמה. אז דער טאג מוז האבען א שבת און א יום טוב. און עס פיהלט זיך טאקע איצט די פרייד, דער גייסט און דער יום טוב אין אונזערע ארגאניזאציעס. איבעראל ווערט געטריבען ארבייטער ספארטס, געזאנג און מוזיק, און וויכטיגער פון אלץ — א ברייטע פארצווייגטע יוניאן און ארבייטער בילדונג.

אויף דעם אינסטאלליישאן מיטינג פון דער פרעסערס יוניאן איז אט דער גייסט און פריידעס־שטימונג געקומען צום אויסדרוק אויף דעם בעסטען און שעהנסטען אופן. אחוץ די פילע און אינטערעסאנטע רעדעס, זיינען דעם מאל אויף דער עסטראדע ערשינען די דרעס פרעסערס מיט אן אייגענעם לאקאל כאר און אן אייגענעם יוניאן ארקעס־טער און האבען מיט טעמפעראמענט געזונגען און גע־שפילט יוניאן לידער, וועלכע האבען דעם מיטינג געגעבען

אז די „לימיטיישאן" זאל זיי קענען פארניכטען אין אזא קורצער צייט. אויך די וואס האבען ערווארטעט אז די איינפירונג פון „לימיטיישאן" וועט אפשאפען די מחיצה צווישען דעם אויטסייד מיט דעם אינסייד שאפ, האבען אויך ניט מעהר ווי פאנטאזירט. די מחיצה צווישען דעם אויטסייד מיט דעם אינסייד שאפ עקזיסטירט אזוי לאנג ווי די אינדוסטריע איז אלט, און איז א נאטירליכע ער־שיינונג אונטער דער עקזיסטירענדער סיסטעם. די מחיצה וועט פארבלייבען אזוי לאנג ווי עס וועלען עקזיסטירען אינסייד און אויטסייד שעפער. דער געדאנק וועגען „לי־מיטיישאן" האט זיך ביי אונז ענטוויקעלט אלס א מי־טעל איינצוצאמען און קאנטראלירען דעם אומבאגרעניצ־טען פעלד פון קאנטראקטארס, אום דערמיט אפצושאפען די האלדזשניידענדע קאנקורענץ וואס האט געהערשט אין דער צייט ווען הונדערטע קלאוקמאכער האבען זיך געלייגט שלאפען אלס ארבייטער און אויפגעשטאנען אלס „מאנופעקטשורערס", מיט א קאוט אין האנד, מיט וועל־כען זיי זיינען געלאפען פון איין דזשאבער צום צווייטען צו קריגען ארבייט. אויף דעם דאזיגען געביט, האט די „לימיטיישאן" זעהר פיעל אויפגעטאן. וואלטען מיר אצינד ניט געהאט די באגרעניצונג פון קאנטראקטארס, וואלט דער מארקעט, אונטער דעם שטיק ארבייט סיסטעם, פארפלייצט געווארען מיט קאנטראקטארס און די אמאליגע מענשענפרעסעריי, אויפ'ן חשבון פון די קלאוקמאכער, וואלט זיך ווידערהאלט.

⁂

אז די דזשאבערס זיינען געגען „לימיטיישאן" קענען מיר פארשטעהן; עס איז געגען די גרויסע פראפיט אינ־טערעסען פון דזשאבינג סיסטעם. מיר קענען אבער ניט פארשטעהן וואָרום די קאנטראקטארס זיינען געווארען געג־נער דערפון. מיט וואס ערקלערט זיך זייער געגנער־שאפט? איז עס מעגליך אז זיי האבען אזוי שנעל פאר־געסען די צרות און נגישות וואס זיי אליין זיינען אויס־געשטאנען אונטער דעם פריהערדיגען אונבאגרעניצטען קאנטראקטינג סיסטעם? אויף דעם, האפען מיר, וועט די נאהענטע צוקונפט געבען דעם געהעריגען ענטפער. איין זאך איז אבער זיכער: אויב די באגרעניצונג פון קאנט־ראקטארס האט נאך ניט געבראכט די אלע פארבעסערונגען וואס די פארשידענע צדדים האבען ערווארטעט, האט עס אבער פארמאכט די טיר פאר נייע קאנטראקטארס, און דערמיט פארקלענערט די צאהל קאנקורענטען אין דעם פעלד פון קאנטראקטארס, וואס דאס אליין איז א גרויסע ישועה פאר דער גאנצער אינדוסטריע.

וואס איז שייך דער יוניאן, האט זי נאך אין דעם יאהר 1923 אויסגעשטעלט די פראגע פון באגרעניצונג פון קאנטראקטארס אויף איהר טאג־ארדנונג, און זייט דאן האט זי ארויסגעשטעלט די פאדערונג ביי יעדער גע־לעגענהייט ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען באנייען אונזער טרייד אגרימענט. די יוניאן האט דאס אימער געפאדערט אין די אינטערעסען פון דער אינדוסטריע, מיט'ן פולען באוואוסטזיין אז די באגרעניצונג פון קאנט־ראקטארס איז די מעכטיגסטע וואפע אויף אפצושטעלען די אומערליכע קאנקורענץ וואס די דזשאבינג־קאנטראקטינג סיסטעם האט געשאפען.

⁂

נאך איידער די אמעריקען אסאסיאיישאן איז ארויס־געקומען מיט איהר אפיציעלער ערקלערונג אז זי איז געגען „לימיטיישאן", האט די יוניאן חושד געווען אז עס קומען פאר פריוואטע קאנפערענצען צווישען אייניגע פירערס פון די אמעריקען און די דזשאבערס' אסאסיאיישאנס. אז דער פארדאכט איז געווען א בארעכטיגטער, האט זיך ארויסגעוויזען ביי דעם לעצטען פערטעל־יערלאכען מיטינג פון דער קאוד אויטאריטי, ווען די אמעריקען אסאסיאיי־שאן האט פארגעשלאגען אן אמענדמענט צו אונזער קאוד אפצושאפען דעם פונקט וועגען „לימיטיישאן אף קאנט־ראקטארס", וועלכען אמענדמענט די דזשאבערס' אסאסי־איישאן האט אונטערשטיצט. דאס האט באוויזען קלאר ווי מיר האלטען מיט ביידע אסאסיאיישאנס וואס אנבא־לאנגט דעם דאזיגען זעהר וויכטיגען פונקט.

אז די יוניאן דארף זיך פארבארייטען פאר דער באר־גייאונג פון אונזערע אויסגעהענגדע אגרימענטס איז א זאך וועגען וועלכער די פיהרערשאפט פון אונזער יוניאן האט זיך פארטראכט נאך איידער עס איז פאר אונז קלאר געווארען די פאזיציע פון די דערמאנטע צוויי אסאסיאיי־שאנס. דער ארויסטריט פון די צוויי אסאסיאיישאנס ביים לעצטען מיטינג פון דער קאוד אויטאריטי האט בלויז באוויזען אז זיי שלאפען ניט און אז מיר מוזען זיך דארום נעמען צו דער פארבערייטונגס ארבייט מיט מעהר ענערגיע. עס איז דאהום באשלאסען געווארען צו רופען א ספעשעל מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס (די עק־זעקוטיוו קאמיטע פון דזשאינט באארד) פאר פרייטאג, דעם ערשטען מערץ, צו פארהאנדלען די פראגע און אויסצוארבייטען די נויטיגע פארבערייטונגס פלענער. די דאזיגע פלענער וועלען פארגעלייגט ווערען פאר אלע עקזעקוטיוו באארדס פון אונזערע אנגעשלאסענע לאקא־לען, ביי א געמיינשאפטליכען מיטינג, און זייער באשלוס וועט איבערגעגעבען ווערען צו אונזערע שאפ־טשערליים, ביי אן אלגעמיינעם שאפ־טשערמאן מיטינג. די דערמאנטע מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען ווען די ציילען וועל־לען שוין זיין אין דרוק. דארום וועלען מיר אין דער קומענדער אויסגאבע פון דער „גערעכטיגקייט" געבען אן אויספירליכען באריכט און א אפהאנדלונג וועגען די באשלוסען וואס וועלען דארט אנגענומען ווערען.

⁂

די „אינטער־קאוד" קאמישאן, וועלכע האט געזאלט אנפאנגען פונקציאנירען מיט א צייט צוריק, האט צוליב געוויסע שטערונגען ניט געקענט צוטרעטען צו איהר ארבייט ביז איצט. אצינד זיינען די שטערונגען באזייטיגט געווארען און די קאמישאן איז שוין צוגעטראטען צו דער ארבייט.

די קאמישאן וועט האבען צו ענטשיידען א רייע פארוויקעלטע און העכסט קאמפליצירטע שטרייט־פראגען. איהר שווערסטע אויפגאבע וועט זיין צו ענטשיידען דעם שטרייט פונקט איבער א געוויסער ליין קאוטס, סוטס און רעפס, וועלכע ווערען געמאכט אין א צאהל דרעס שעפער, אונטער דעם סטענדארד פון דעם דרעס קאוד, וועלכער איז באדייטענד נידעריגער פון דעם סטענדארד פון דעם קאוט און סוט קאוד. די פראגע איז זעהר א אנגעווייטאגטע און פאדערט א באלדיגע לייזונג. די קאמישאן וועט דארפען ענטשיידען די פראגע, און איהר ענטשיידונג וועט זיין בינדענד פאר אלע שטרייטענדע צדדים.

ווי אזוי דארפען די קלאוקמאכער זיך באציען צו דער קאמישאן? איז די קאמישאן א זאך אין וועלכער בלויז די מאנופעקטשורערס זיינען פאראינטערעסירט, אדער האבען די קלאוקמאכער אויך אין דעם אן אינטערעס? פון א אינדוסטריעלען שטאנדפונקט זיינען די קלאוקמא־כער אין דעם פאראינטערעסירט פונקט אזוי פיעל ווי די מאנופעקטשורערס. וואלט דער דרעס קאוד געהאט די־זעלבע סטענדארדס ווי דער קאוט און סוט קאוד, וואלט עס פאר אונז געווען בלויז א פראגע פון דזשוריסדיקשאן, נעמליך, פון וועלכער יוניאן דארפען די דרעס שעפער, וואס פראדוצירען די לאין ארבייט וועלכע מיר באטראכ־טען אלס רעגעלע קלאוקס, קאנטראלירט ווערען. דא האנ־דעלט זיך אבער ניט וועגען דער פראגע פון דזשוריס־דיקשאן, נאר אונטער וועלכען סטענדארד דער טייל פון דער קלאוק אינדוסטריע ווערט פראדוצירט. דאס מוז קלאר ווערען פאר יעדען קלאוקמאכער. עס איז דאך א פשוטער שכל, אז כל זמן עס וועט ערלויבט ווערען דרעס מאנופעקטשורערס צו פראדוצירען רעגעלע קלאוקס אונ־טער די סטענדארדס פון דעם קאוד (וועלכער איז באדייטענד נידעריגער פון אונזער סטענדארד), מוז דאס, פריהער אדער שפעטער, אונטערגראבען די סטענדארדס, וועלכע די קלאוקמאכער האבען ערווארבען אין א משך פון פילע יאהרען פון קאמף און אנשטרענגונג. אט די אנגעווייטאגטע פראגע האט ארויסגערופען די שאפונג פון דער „אינטער־קאוד" קאמישאן, און אין איהר ארבייט דארף דער קלאוקמאכער, אזוי גוט ווי דער מאנופעקטשו־רער, זיין זעהר שטארק פאראינטערעסירט.

אין דער יוניאָן און אין טרייד

פון לואיס ע. לאַנגער

סעקרעטער דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן פון גרייטער ניו יאָרק

די אַמעריקען אַסאָסיאיישאַן איז אַרויסגעקומען מיט אַ לאַנגען סטייטמענט אין דער „ווימענס וועיר" געגען „לימיטיישאַן אָף קאָנטראַקטאָרס". אַז די אַסאָסיאיישאַן איז געגען „לימיטיישאַן" ווייסען מיר שוין פון אַ פריהערדיגען סטייטמענט וואָס זייער פרעזידענט האָט געמאַכט ביי דער געלעגענהייט פון זיין ווידער־ערוועהלונג; דערפאַר גלויבען מיר, אַז עס איז געווען איבעריג פאַר מר. יאָוועליער אַרויסצוקומען אצינד נאָכאַמאָל מיט אַזאַ סטייטמענט. עס שטעלט זיך דארום די פראגע: „וואָס איז די אַמעריקען אַסאָסיאיישאַן אצינד אויסען געווען מיט איהר סטייטמענט?" אונז דוכט זיך, און מיר זיינען אין דעם כמעט ווי איבערציינט, אַז די אַסאָסיאיישאַן איז דאָ ניט אויסען אָפּצושאַפען די לימיטיישאַן, נאָר צו קריגען מעהר דעה (אויב ניט די גאנצע דעה) אין דעם ענין. דאָס אָבער וואנט די אַסאָסיאיישאַן ניט צו זאָגען, איז זי דארום אַרויסגעקומען מיט דעם סטייטמענט אַז לימיטיישאַן טויג ניט, און מען מוז עס אָפּשאַפען, כדי דערמיט אויפצוריהצען די בייזע געמיטער וואָס האָבען זיך לעצטענס אָנגעזאַמעלט אין אונזער טרייד, און אַזוי אַרום שאַפען אַ סענטימענט געגען דעם לימיטיישאַן פונקט אַזוי, אַז די יוניאָן, זייענדיג פאראינטערעסירט אין אָנהאַלטען די לימיטיישאַן, זאָל געבען דער אַסאָסיאיישאַן געוויסע הנחות.

אונז גלויבט זיך קוים אַז די אַמעריקען אַסאָסיאיישאַן איז באמת פאראינטערעסירט אין אָפּשאַפען די באַגרעניצונג פון קאָנטראַקטאָרס. עס איז דאָך ניט מעגליך אַז די אַסאָסיאיישאַן זאָל האָבען אַזוי שנעל פארגעסען די צייט ווען די דזשאָבערס פלעגען שאַפען קאָנטראַקטאָרלאַך און קאָרפּאָריישאַן שאָפּס איבער נאַכט, ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען, און ריזעלבע האָבען, דורך זייער מענשענפרעסעריי און שנאָרער קאָנקורענץ, געשניטען די העלזער איינער דעם אַנדערען און דערמיט געמאַכט אונמעגלאָך דעם עקזיסטענץ ניט נאָר פון די לעגיטימע מאַנופעקטשורערס, נאָר אויך פון די אָנשטענדיגע קאָנטראַקטאָרס.

אויב די אַמעריקען אַסאָסיאיישאַן האָט דאָס אַלעס אַזוי שנעל פארגעסען, האָט אָבער די יוניאָן נאָך ניט פארגעסען יענע צייט ווען דער קלאָוקמאַכער איז, אין דעם אָפּענעם פעלד פון די „עולים ויורדים" קאָנטראַקטאָרס, געווען דאָס כפרה הינדעל. דעריבער איז טאַקע די יוניאָן פעסט ענטשלאָסען אָנצוהאַלטען דעם פונקט פון „לימיטיישאַן אָף קאָנטראַקטאָרס" אונטער אַלע אומשטענדען, אין די אינטערעסען פון די קלאָוקמאַכער און דער אינדוסטריע.

* * *

יעדע נייע איינפירונג אין אַן אינדוסטריע ברענגט מיט זיך נייע פּראָבלעמען; אַזוי האָט אויך די באַגרעניצונג פון קאָנטראַקטאָרס געבראַכט מיט זיך נייע פּראָבלעמען, וועלכע קיינער פון די פאראינטערעסירטע צדדים האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן. צו זאָגען שוין אַז „לימיטיישאַן" טויג ניט דערפאַר וואָס עס האָט ניט געבראַכט די סטאַביליזאַציע פון דער אינדוסטריע, וואָס געוויסע טרייד פירער האָבען ערוואַרטעט, איז, לויט מיין מיינונג, פאַלש. דאָס באַווייזט בלויז אַז די מענשען וואָס דענקען אַזוי האָבען אַ גאַנץ אָרעמען באַגריף וועגען דעם גאַנצען ענין.

ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט די איבלען פון אונזער טרייד און ווי אַלט זיי זיינען, מוז מען קומען צום שלום אַז בלויז פאַנטאַזיאָרען האָבען געקענט ערוואַרטען

3000 שניידער אַרבייטער. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין באַהערשט די לאַנגע פּוילשטענריג, ער האָט לײדער זעהר באַשרענקטע מעגליכקייטען צוליב דעם וואָס אַנדערע שניידער־צענטרען זיינען ניט אָרגאַניזירט. פונדעסטוועגען, האָבען מיר צו פארצייכענען גרויסע דערפאָלגען און אפילו איצט ווען איך שרייב דעם בריוו, סטרייקען שוין די לעצטע וואָך 1500 מענער־שניידער וועגען באַנייען אַ קאָלעקטיווי אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים. דער סטרייק ווערט געפיהרט מוסטערהאַפט און דיסציפּלינירט און זועט זיכער זיך פארענדיגען מיט ערפאָלג. אין אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכע אַקציעס מאַרשירען מיר מיט די פּוילישע אַרבייטער וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין דער פּ. פּ. ס. אונזערע מאַי דעמאָנסטראַציעס אָדער עהנליכע אַרויסטרעטונגען זיינען אימפּאָזאַנטע. ביי שטאָט־ראַט וואַהלען אין יאָהר 1934 האָבען מיר באַקומען 48 פּראָצענט שטימען פון דער שטאָט און עס זיינען געווילט געוואָרען אויף דער צאָהל פון 40 ראַטמענער פון אונזער לאַגער 17. און דאָס טראָץ גרויסע רעפּרעסיעס מצד דער רעאַקציע.

ווי דער ח. הערשקאָוויץ האָט שוין אייך דערצעהלט, ליידען מיר פון מאַנגעל פון לאָקאַלען און מיר האַלטען אין בויען אַן אייגענע הויז, וועלכע מיר קענען נישט פאַרענדיגען צוליב מאַנגעל אין געלט. מיר ניבען צו, דאָס די סומע פון אייך ערהאַלטען, וועט דערמעגליכען אַ שריט פאָראויס צו מאַכען.

דאָס אַלעס ריידען מיר זיך אָראָפּ פון האַרצען, ווייל מיר ווייסען דאָס עס אינטערעסירט אייך, פונקט ווי מיט גרויס אינטערעס מיר ערוואַרטען אַלעמאָל נאָכריכטען וואָס עס טוט זיך ביי אונזערע ברידער אין אַמעריקע.

נאָך אַמאָל דאַנקען מיר אייך, ליבער חבר דובינסקי, און אַלע פריינט און חברים, וועלכע האָבען דערצו ביי־געהאָלפען. אַ באַזונדער האַרציגען דאַנק אונזערע אויספּרובירטע פריינד אַברהם הערשקאָוויץ, פּסח רעמביצער און אַברהם מיללער און די אַלע וועמענס נעמען מיר קענען נישט.

זאָגט זיי, דאָס מיר וועלען די פריינדשאַפט קיינמאָל נישט פארגעסען.

אונזער וואונש איז צו זיין מיט אייך אין אַ ענגערען קאָנטאַקט און דערוואַרטען אַן ענטפער.

מיט חבר'שען גרוס,

דוד באַטיסט.

דער בריוו רעדט פאַר זיך אַליין. 15 הונדערט שניידער אַרבייטער שטעהען שוין די זעקסטע וואָך דיסציפּלינירט אין סטרייק. זיי סטרייקען הונגעריגע און אין קעלט פאַרפרוירענע און פונדעסטוועגען ריהרען זיי ניט אָן קיין סענט פון די געשיקטע געלדער צו לינדערען זייער פּערזענליכע נויט, נאָר האַלטען קאָנפערענצען וועלכען טייל פון בנין אויסצוועדנען פאַר די צוגעשיקטע 500 דאָלאַר. ביי אונז אין לאַנד געהען אַן יעדען יאָהר אַקציעס פאַר די הסתדרות אין פּאַלעסטינא. מען שיקט אַהין הונדערטער טויזענטער דאָלאַר. ביים זאַמלען די געלדער פאַרגעסט מען ניט שטענדיג אָנצואווייזען אויף די אָרימע אידען אין פּוילען, וואָס לעבען אין גלות. איז דאָס זעהר גוט און פיין. די יעניגע וועלכע האָבען אַזעלכע גרויסע אידישע הערצער און זאָרגען זיך אַזוי שטאַרק וועגען דעם גורל פון די אידען און וועגען דער שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר זייערטוועגען, וואָלטען זיך געמעגט פאַר אַ מינוט פאַרטראַכטען אַז די גרעסטע צאָהל פון די דאָזיגע אידען זיינען געצוואונגען צו בלייבען אויף די ערטער וואו זיי זיינען און אַז די הונדערטער טויזענטער פון זיי וואָס מוזען בלייבען דאָרט אויפ'ן אָרט, פאַרדינען ווייניגסטענס אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט ווי די קליינע צאָהל וואָס קענען עמיגרירען קיין פּאַלעסטינע. זיי מאָרען ניט פאַרלאָזט ווערען און מוזען פונקט אַזוי געשטיצט ווערען ווי די אידישע אַרבייטער אין ארץ ישראל.

25 יאָהר לעבען און קאמף פון לאָקאל 21

פון א. קאפלאן.

אין אנפאנג פון יאהר 1909 זיינען זיך צוזאמענגע־ קומען א גרופע ארבייטער פון קלאוקס און לײדיס טײלאר טרײד אין נוארק מיט'ן צוועק צו געפינען א יועס, דורך וועלכען מען זאל אימשטאנד זיין א ביסעלע צו פארלייכ־ טערען די שווערע לאגע פון די ארבייטער אין דער פרויען באקליידונגס אינדוסטריע פון נוארק.

דער צוזאמענקונפט איז פארגעקומען אויף 9 פרינס סטרים. זינט דעמאלט זיינען פארפלאסען 25 יאהר, פונ־ דעסטוועגען קוקט עס מיר אויס ווי דאס וואלט ערשט נעכטען געשעהן.

די לאגע פון די ארבייטער איז געווען אומבאשרייבליך שלעכט. זיי האבען געארבייט אין פאקטישע שקלאפען באדינגונגען. די באלעבאטים האבען געטאן מיט די ארביי־ טער וואס זיי האבען נאר געוואלט.

עס פארשטעהט זיך, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען האבען די ארבייטער מורא געהאט זיך צו ארגאניזירען און עס איז אנגעקומען שווער און ביטער צו מאכען אן אנפאנג. די ארבייטער וואס האבען זיך אנטשלאסען צו קומען צו א מיטינג האבען ריזיקירט מיט'ן דזשאב און זיינען געווען אמת'ע מארטירער. א קליינע גרופע ארבייטער האבען זיך אבער ניט געלאזט אפשרעקען און האבען זיך מוסר נפש געווען פאר דער גרינדונג פון א לאקאל יוניאן אין ניו יארק. זיי האבען פארשטאנען, אז אהן קרבנות וועט מען קיין יוניאן ניט קענען גרינדען און אז אהן א יוניאן וועט מען די טרויעריגע לאגע פון די ארבייטער קיינמאל ניט קענען פארבעסערען. זיינען זיי זיך דעמאלט צוזאמענ־ געקומען אויף 9 פרינס סטריט און דארטען האבען מיר געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאר אונזער לאקאל יוניאן.

די גרופע ארבייטער האבען זיך געווענדט צו דער־ אינטערנעשאנאל נאך הילף. די אינטערנעשאנאל איז דער־ מאלט אבער אליין געווען זעהר שוואך און האט אונז קיין סך הילף ניט געקענט געבען. די אינטערנעשאנאל איז דער־ מאלט געווען פארנומען מיט דעם סטרייק פון די שוירט און וויסט מייקערס און מיט די צוגרייטונגען צום גרויסען מאסען סטרייק פון 1910. די פיאנערען גרופע האט ניט אראפגעלאזט די פליגלען און האט פארטגעזעצט די אר־ בייט מיט איהרע אייגענע ארימע כוחות. מיטינגען זיינען גערופען געווארען, אויפקלערונגס ארבייט איז אנגעפירט געווארען און סוף כל סוף איז אונזער ארבייט געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. צום סוף פון יאהר 1909 איז גע־ גרינדעט געווארען דער לאקאל 21 און מיר האבען גלייך באקומען א טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל.

אונזער ניי־געגרינדעטען לאקאל איז גלייך אויסגעקומען צו שפילען א קעמפענדע ראלע. אין 1910 איז אין ניו יארק אויסגעבראכען דער היסטארישער קלאוקמאכער סטרייק. ער האט אויף אונזער נייער מיטגלידערשאפט געהאט א געוואלדיגע ווירקונג. אלע מיטגלידער האבען זיך מיט אימפעט אריינגעווארפען אין קאמף. צו יענער צייט זיינען אין נוארק שוין געווען גרויסע קלאוק שע־ פער. די מיטגלידער האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין שום געפאהר און האבען אפגעשטעלט אלע שעפער ניט נאר אין נוארק, נאר אויך אין די ארומיגע קליינע שטעדטלאך, וואס די ניו יארקער באלעבאטים האבען גע־ פיקסט כדי צו ברעכען דעם סטרייק אין ניו יארק. די סטרייק טעטיגקייט האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף יענע ארבייטער וועלכע האבען ניט באלאנגט צו דער יוניאן און זיי האבען זיך מאסענווייז אנגעשלאסען אן דער ארגא־ ניזאציע. ארום 150 ארבייטער האבען זיך אנגעשלאסען אן לאקאל. פאר יענער צייט איז דאס געווען א גרויסע צאהל.

אונזער לאקאל האט זיך אויך אקטיוו באטייליגט אין סטרייק פון די קליוולאנדער קלאוקמאכער פון 1911. מיר האבען אפגעשטעלט די שעפער וואס האבען געמאכט סקעב ארבייט פאר'ן קליוולאנדער מארקעט. מיר האבען א חוץ דעם אויך געשטיצט דעם קליוולאנדער סטרייק פינאנציעל מיט א באדייטענדער סומע.

פון 1913 ביז 1932 זיינען מיר געווען א טייל פון ניו יארקער דזשאינט באארד און האבען זיך באטייליגט אין אלע זייגע קאמפען.

אין דעם פעריאד פון ברודער־קריג איז אונזער ארגא־ ניזאציע אויך ניט פארשוינט געווארען און מיר האבען דורכגעמאכט א זעהר שווערע צייט. די דיסציפלין פון די מיטגלידער איז געפאלען, די מאראל איז געזונקען און דער לאקאל איז כמעט אונטערגעגאנגען. די אלטע יוניאן פיאנערען זיינען אבער געשטאנען אויף דער וואך און הא־ בען ניט דערלאזען, אז די ארגאניזאציע זאל צושטערט ווערען. זיי האבען געארבייט טאג און נאכט, זיי האבען נעבארגט געלט ביי פריוואטע פערזאנען כדי צו האבען אויף די קליינע אויסגאבען און האבען אלעס אנגעווענדט אים דעם לאקאל ביים לעבען צו דערהאלטען. אין סאמע קרי־ טישסטען מאמענט איז די זון ווידער אויפגעגאנגען. עס האט אויסגעבראכען דער גענעראל סטרייק פון 1933. פאר דער פיאנערען גרופע האט זיך ווידער באוויזען א שטראהל פון האפנונג. מיט דעם אלטען גלויבען און אידעאליזם האבען זיי זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט און דער רעזולטאט איז געווען, אז דער לאקאל האט אויפגעבליהט ווי א בלום אין פריהלינג און פארנעמט איצט א שעהנעם ארט אויפ'ן ניו דזשוירזער צווייג פון דער אינטערנעשאנאל.

איצט, ווען מיר גרייטען זיך צו פייערען אונזער 25 יאהריגען יובילעאום, צעהלט אונזער לאקאל יוניאן העכער 700 מיטגלידער, און צוריק קוקענדיג אויף אונזער פאר־ גאנגענהייט קענען מיר מיט שטאלץ זאגען, אז עס איז ווערט געווען די מיה און שווערע ארבייט וואס מיר האבען אריינגעלייגט אין דער בויאונג פון אונזער יוניאן.

געווארען צו דער ארבייט. א סך פון די ארונטערגעשיקטע האבען גאר ניט געוואלט, אז די יוניאן זאל זיך ווענען זייער דזשאב באדערען, זיי האבען גענומען אנדערע דזשאבס.

אונזערע מעמבערס האבען די גאנצע זאך אויפגענומען בראוו. זיי האבען ביי די מיטינגען פון די לאקאלען אויס־ געדריקט דעם געדאנק, אז דיזער אקט פון די באלעבאטים איז א רוף צום קאמף. ווען די צייט וועט קומען, וועלען זיי בארייט זיין צו קעמפען ביז ריארגאניזיישאן וועט זיך ניט געפינען אין זייער אגרימענט.

אין אלגעמיין זיינען די היגע דרעסמאכער זעהר גוט ארגאניזירט און האבען אן אויסגעצייכענטע יוניאן. לעצ־ טען שבת אווענט האט לאקאל 100 געהאט א טאנץ אין קאנגרעס האטעל, איינער פון די שעהנסטע האטעלען אין שטאדט. עס זיינען געווען ארום 3000 באזוכער. מען איז געקומען און געגאנגען, ווייל אין טאנץ זאל איז געווען געוואלדיג איבערפילט מיט א כוואליע פון באוועגענדע פאר־ לאך. עס איז באמת געווען א שעהנער אווענט. לאקאל 100, ערלויבט מיר אייך גראטולירען!

אין דער קאטען גארמענט אינדוסטריע טומעלט זיך מיט סטרייק. אין יוניאן העדקוואדערס רוישט ווי אין א בינשטאק. ליפלעטס, קאמיטעס און ווידער קאמיטעס. אלע גרייטען זיך, אלע ריכטען זיך אויפ'ן גרויסען טאג ווען א גענעראל סטרייק וועט גערופען ווערען.

לעצטען פרייטאג אווענט האט לאקאל 76, דער קאטען גארמענט לאקאל, געהאט אינסטאלליישאן פאר באאמטע. ברודער פלאטקין, ברודערע גלאסמאן און איך זיינען געווען די רעדנער. נאך די רעדעס איז פארגעקומען א טאנץ. עס איז געווען א וואונדערבארער מיטינג און א שעהנע אטמאספערע פון קאמפאלוסטינקייט.

וואָס עס טוט זיך אין שיקאַגאָ

פון מאָריס ביאַלים, וויס־פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

ליבער רעדאַקטאָר, ווי איהר זעהט, געפין איך זיך אין פאָרט וויין, אינדיאַנאַ. אַזוי ווי איך האָב איצט עט־וואָס פרייע צייט, וויל איך דאָס אויסנוצען צו שרייבען עטוואָס וואָס פּאַסירט אין אונזערע שיקאַגער יוניאָנס.

ערשטענס, וועגען די קלאָוקמאַכער. ביי די שיקאַגער קלאָוקמאַכער איז ווי געוויינליך די ערלייזונג נאָך אַלץ ניט געקומען. איין שאַפּ האָט אַ ביסעל מעהר אַרבייט, דער צווייטער אַ ביסעל ווייניגער. אין איין שאַפּ פאַרדינט זיך בעסער, אין אַ צווייטען ערגער.

אויסער דעם לעבט זיך דער היגער קלאָוקמאַכער און האָט אַ שעהנע געזונטע יוניאָן מיט פּאָליטיק, מיט וועלכער מען קען זיך זיכער ניט פאַרשעמען נעבען ניו יאָרק. אונ־זערע היגע קלאָוקמאַכער האָבען אפילו צוויי קלאַבס. די קלאַבס האָבען זייערע פּאַטריאָטען, וועלכע שטעהען ווי שטאַרקע זיילען און לאָזען ניט פאַלען קיין שפּרינקעלע אויפ'ן קלאַב. אָנפאַנגס האָבען זיך די קלאַבס אַ ביסעל אַרומגעריסען צווישען זיך, אָבער לעצטענס איז די פיינט־שאַפט אַ ביסעל אָפּגעשטאָרבען. עס פאַנגט זיך אָן צו מערקען עטוואָס אייניגקייט צווישען די קלאַב מעמבערס פון ביידע זייטען, דעריבער איז צו האָפען, אַז אפשר וועט פון ביידע קלאַבס ווערען איינער און פון דעם איינעם וועט ווערען גאָרניט, ווייל אין שיקאַגאָ איז זיכער נישטאָ קיין אורזאַכען וואָרום עס זאָלען צווישען אונזערע מיטגלידער עקזיסטירען צוויי באַזונדערע לאַגערען.

ווי איהר זעהט, האָבען די היגע קלאָוקמאַכער אַלעס. אָבער איין זאַך פעהלט דאָ יע, און דאָס איז אַ מעהר לע־בעדיגער קלאָוק מאַרקעט. עס פעהלט אונז דאָ מעהר קלאָוק שעפּער. דאַכט זיך געאָגראַפיש דאַרף גראָדע שיקאַגאָ זיין דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר אַ קלאָוק מאַרקעט.

אָבער פאַרוואָס איז דאָס ניט אַזוי, ווייס איך ניט. ריידען מיר מיט די באַלעבאַטים וועגען דעם, האָבען זיי אַלע דעם זעלבען ענטפער. די איסט פאַרקויפט פאַר בי־ליגער. מיר קענען מיט דעם איסטערן מאַרקעט ניט קאָנ־קורירען. און ווען זיי זאָגען איסטערן מאַרקעט מיינען זיי ניו יאָרק. און אַזוי ריידענדיג שלעפּען זיי אַרויס קאָפּאָטעס און באַווייזען מיט בילס, אַז זיי קויפען אין ניו יאָרק קלאָוקס פאַר צעהן און נאָך גאַנץ אָפּט פאַר זעקס דאָלער. סטיימש, טענה'ן מיר, עס איז ניט אמת. ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער אַרבייטען אויך ניט אומזיסט. היינט איז דאָך עפּעס דאָרט אַ יוניאָן און אויסער דער יוניאָן איז דאָך עפּעס רוזוועלט פּרעזידענט, און וואָס איז וועגען דער קאָוד אַטאָריטי? אָבער דאָס אַלעס אַזוי גוט פאַר אַרגומענטען. דערווייל בלייבט עס ביים אַלטען. ניט מיר אין שיקאַגאָ האָבען גענוג אַרבייט, און ווי איך ווער אינפאָרמירט, האָבען די ניו יאָרקער ברידער אויך ניט קיין שמאַלץ גרוב. עס וואָלט אָבער ניט געשאַדט, אַז מען זאָל אַ ביסעל אַריינקוקען וואָס איז דאָס פאַר אַ זעקס דאָלערדיגע קאָפּאָטעס.

אָנפאַנג דיזען סיזאָן האָבען מיר דאָ געהאַט אַ שעהן ביסעל טראָבעל מיט דער היגער פירמע קירשבאַם, העלברוין און קאָ. ווי עס זעהט אויס, האָט זיך ביי זיי צואוואַקסען דער אַפּעטיט פאַר די דערמאָנטע זעקס און צעהן דאָלער־דיגע קאָפּאָטעס, דעריבער האָבען זיי זיך געטרייט אַרויס־גליטשען פון שיקאַגאָ און פאַרזוכען דעם טעם פון דער איסט. ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָ־בען מיר זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער ניו יאָר־קער קלאָוק דזשאָינט באָאַרד. איך ערלויב זיך דאָ איצט אויסדריקען מיין הערצליכען דאַנק און דעם דאַנק פון די היגע קלאָוקמאַכער צו מיין קאָלעגע וויס־פּרעזידענט איזי־דאָר נאַגלער. זיין אונערמידליכע אַרבייט און זיין איבער־געבענהייט צו דער יוניאָן האָט פאַר אונז מעגליך געמאַכט אויסצוגלייכען דעם סיכסוך מיט דער פירמע צו דער צופרי־דענהייט פון די אַרבייטער. איך וויל נאָך אַמאָל איהם זאָגען אַ הערצליכען דאַנק.

יעצט וועגען אונזער דרעס אינדוסטריע. דער פאַר־גאַנגענער סיזאָן איז געווען גאָר ניט קיין שלעכטער, אָבער דער איצטיגער, דאָס הייסט דער ספּרינג סיזאָן, איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. עס פעהלט עטוואָס, עס איז שווער צו זאָגען וואָס, ווייל דאַכט זיך מען אַרבייט יע אין די שעפּער, עס פעהלט אָבער עפּעס. עס פעהלט דער אימפּעט, דער געוויינליכער פאַרלאַנג פאַר אַרבייטער. מיר פיהלען דאָס טאַקע. דער פאַקט, אַז מיר האָבען איצט נאָר אַ גרויסע צאָהל אַרבייטסלאָזע אָפּערייטאָרס, פינישערס, פּרעסער און אַם מיינסטענס קאַטערס, באַווייזט אַז צו שטאַרק ביזי איז אין דרעס טרייד ניט.

לעצטענס האָבען מיר אין דרעס טרייד דורכגעמאַכט אַ ריאָרגאַניזאַציע. דאָס רעכט צו ריאָרגאַניזירען האָבען די באַלעבאַטים געקראָגען דורך אַן אַרביטרייטאָר. דאָס האָט ניט פּאַסירט איצט, נאָר ווען מיר האָבען געמאַכט דעם אַגרימענט אין אויגוסט 1933. אין צייט פון גענעראַל סטרייק האָבען די באַלעבאַטים פאַרלאַנגט דאָס אַבסאָלוטע רעכט צו דיסטשאַרדזשען אַן אַרבייטער אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן אַ פאַרווען. די יוניאָן האָט נאַטירליך געזאָגט ניין. נו, האָבען זיך די קאָנפערענצען געצויגען טעג מיט נעכט און אַז די יוניאָן האָט אַלץ זיך געהאַלטען ביים דאָס ניין זאָגען, האָבען די באַלעבאַטים פאָרגעשלאָגען, אַז אויב ניט דאָס פולע רעכט צום דיסטשאַרדזשען, ווילען זיי אַם ווייניגסטען דאָס רעכט צו ריאָרגאַניזירען זייערע שעפּער אויף 20 פּראָצענט יעדען האַלבען יאָהר. די יוניאָן האָט ווי געוויינליך ווידער געזאָגט ניין. האָט מען ווידער קאָנפערירט טעג מיט נעכט. דערווייל זיינען די שוועסטער מיט די ברידער סטרייקער געוואָרען זעהר אומרוהיג. וואָס קאָנ־פערירט מען דאָרט אַזוי לאַנג, וואָס? אַלזאָ, מיר האָבען דאָן זיך איינפאַרשטאַנען מיט די באַלעבאַטים איבערצו־געבען די פראַגע צו אַן אַרביטרייטאָר. מיר האָבען טאַקע דאָן באַשלאָסען, אַז מר. מעקס מייער זאָל זיין דער אַר־ביטרייטאָר. די פראַגע איז אַרביטרירט געוואָרען אין צוויי מאָנאַטען אַרום און דער אורטייל איז געווען, אַז די באַלעבאַטים זיינען באַרעכטיגט צו ריאָרגאַניזירען זייערע שעפּער, אָבער ניט 20 פּראָצענט אַלע האַלב יאָהר, נאָר 10 פּראָצענט אַלע יאָהר. דער אַרביטרייטאָר האָט אויך באַשטימט די צייט ווען די ריאָרגאַניזיישאָן זאָל געמאַכט ווערען: די ערשטע וואָך אין יאַנואַר 1934 און די ערשטע וואָך אין יאַנואַר 1935 און אַז יעדער אַרבייטער וואָס ווערט אַרונטערגעשיקט מוז קריגען באַצאָהלט פאַר אַ וואָך ווייַ־דזשעס און אַז אויב די יוניאָן קען באַווייזען, אַז אַן אַר־בייטער איז אַרונטערגעשיקט געוואָרען דערפאַר וואָס ער איז געווען אַקטיוו אין דער יוניאָן, קען די יוניאָן פאַרלאַנגען אַז די קייס זאָל פאָרגעבראַכט ווערען פאַר אַרביטריישאָן, און נאָך עטליכע פּונקטען, וועלכע זיינען פון קלענערער וויכטיגקייט.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, האָט די ערשטע ריאָרגאַניזיר־שאָן געדאַרפט פאָרקומען אין יאַנואַר 1934, דאָס הייסט מיט אַ יאָהר צוריק. דער יוניאָן איז אָבער געלונגען אין קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים דאָס אָפּצולעגען פאַר זעקס מאָנאַטען. אין זעקס מאָנאַטען שפּעטער, דאָס הייסט אין דזשון 1934, איז אונז ווידער געלונגען אָפּצולעגען דעם ריאָרגאַניזיישאָן ביז יאַנואַר 1935. דיזען מאָל איז ווידער געמאַכט געוואָרען אַ פאַרזוך צו אָפּלעגען דעם האָלסייל דיס־טשאַרדזש ביז דער אַגרימענט וועט אויסגעהן, דאָס הייסט סעפּטעמבער 1935. עס איז אָבער געווען אוממעגליך. די באַלעבאַטים האָבען זיך איינגעשפּאַרט און מיר האָבען נאַ־טירליך פאַרזוכט דעם טעם. ניט אַלע באַלעבאַטים האָבען זיך באַנוצט מיט דער פרייהייט, און אויך די וואָס האָבען זיך באַנוצט האָבען ניט גענומען די גאַנצע מאָס פון 10 פּראָצענט. אַרום און אַרום זיינען אַרונטערגעשיקט געוואָרען 75 אַרבייטער פון וועלכע 22 זיינען צוריק אָנגעשטעלט

פראגען און ענטפערס וועגען דעם אגרימענט

פון דזשוליוס האכמאן

גענעראל־מענעדזשער דרעס דזשאינט באארד.

דיזער „קראס־עקזאמינישאן" פון דעם אגרימענט אונטערזוכט פראגען וועלכע זיינען זעהר וויכטיג פאר יעדען ארבייטער. עס ערקלערט אייך ווארום עס איז פאראן א „מינימום פלעט רייט" און „בארגענינג" סיסטעמען פון פרייז סעטלמענט און ווי אזוי זיי קערען זיך אן מיט דעם ארבייטער.

איינינע פראבלעמען זיינען דיסקוטירט געווארען בקיצור אין דעם לעצטען נומען פון דער „גערעכטיגקייט". ארבייטער האבען אבער געוואלט מעהר אינפארמאציע און מיר זיינען דארום צופרידען די פראגען גענויער צו ערקלערען.

אונזער אגרימענט איז דער געזעץ פון אונזער אינדוסטריע. מיר זיינען אונזער אייגענע פאליציי און יעדער ארבייטער מוז זיך באקענען מיט דעם געזעץ. אויב עס זיינען ביי אייך פאראן פראגען וועגען דער טעמע, שרייבט אריין און איך וועל זיין צופרידען אייך צו ענטפערען. מיר געהען אן מיט די פראגען.

שטיק פרייז סעטלמענט

פראגע: וואס איז אונזער עקזיסטירענדע סיסטעם פון פרייז סעטלמענט?

ענטפער: מיר נוצען איצט צוויי סיסטעמען פון פרייז־סעטלמענט: איינע רופט זי אן די „מינימום פלעט רייט"" און די אנדערע איז די „אגרימענט" אדער „בארגעניגג" סיסטעם.

די מינימום פלעט רייט

פראגע: צו וועלכער ליין גארמענט איז די מינימום פלעט רייט אנווענדבאר?

ענטפער: די מינימום פלעט רייט האט צו טאן מיט אלע דרעסעס וועלכע זיינען האלסיילד $3.75 אדער ביליגער.

פראגע: וואס איז די מינימום פלעט רייט?

ענטפער: די מינימום פלעט רייט איז אן איינ־ארדנונג צווישען דער יוניאן און דער דזשאבערס אסאסיאיישאן אז איינינע באשטימטע מינימום פלעט פרייזען זאלען זיין געצאהלט פאר דרעסעס וועלכע ווערען פארקויפט האלסייל פאר $3.75 אדער ביליגער. די יוניאן האפט אז אין דער נאענטער צוקונפט וועט זי איינפיהרען די אקוראטע יוניט סיסטעם אנשטאט דער צייטליכער סיסטעם.

פראגע: ווי אזוי איז די מינימום פלע רייט אנווענדבאר צו די גארמענטס וועלכע זיינען האלסייל $3.75 אדער ווייניגער?

ענטפער: די פאלגענדע זיינען די מינימום פלעט רייטס:

דרעס פרייז		פאר'ן אפערייטאר	פאר'ן פרעסער
$2.25	אדער ביליגער.	31 סענט	8 סענט
2.87½		36 "	9 "
3.75		45 "	12½ "

פראגע: ווארום ווערט דאס אנגערופען די מינימום פלעט רייט?

ענטפער: ווען א דרעס האט מעהר ארבייט און נעמט לענגער צו מאכען האט דער ארבייטער א רעכט צו מאהנען מעהר געלט. דאס מיינט אז די פרייזען וועלכע מיר האבען ערשט אויפגעציילט זיינען די מינימום רייטס. קיין ארבייטער טאר ווייניגער ניט קריגען; אבער אויב די ארבייט איז אויסערגעוויינליך שווער, דאן האבען די ארבייטער א רעכט צו מאהנען מעהר געלט.

פראגע: האבען די פינישערס א מינימום פלעט רייט?

ענטפער: ניין. די פרייזען פאר די פינישערס זיינען געסעטעלט ביי דעם „אגרימענט" סיסטעם וועלכע מיר וועלען באלד דיסקוטירען.

פראגע: ווי אזוי קענען מיר וויסען צי א דרעס ווערט פארקויפט האלסייל פאר $3.25, $2.87½ אדער $2.25?

ענטפער: אויב איהר האט א פארדאכט וועגען דער האלסייל פרייז פון די דרעסעס שיקט אייער טשערמאן צו דעם יוניאן אפיס. דארט געפינט זיך א פאלקאמער רעקארד פון יעדען דזשאבער'ס ליין צו יעדער צייט. די יוניאן וועט זיין צופרידען אייך געבען די ריכטיגע אינפארמאציע.

פראגע: אויב א דזשאבער האט אפגענארט דעם קאנטראקטאר געבענדיג איהם, צום ביישפיל, א גארמענט וואס איז ווערטה $4.75 און זאגענדיג אז עס איז נאר ווערטה $3.75, אדער א $3.75 גארמענט, זאגענדיג אז עס איז איז ווערטה בלויז $2.87½, וואס קענען מיר טאן וועגען דעם?

ענטפער: אין אזא פאל מוזט איהר באלד לאזען וויסען דער יוניאן און די יוניאן וועט איינמאנען די סומע. ביז היינט צו טאג האבען מיר איינגעמאנט איבער $85,000 פון דזשאבערס פאר אזעלכע שפיצלאך. דאס געלט איז צוטיילט געווארען צווישען די ארבייטער אין די פארשידענע קאנטראקטינגס שאפס.

די אגרימענט סיסטעם פון פרייז סעטלמענט

פראגע: און וואס וועגען די דרעסעס וועלכע זיינען האלסייל מעהר ווי $3.75?

ענטפער: אויף אזעלכע דרעסעס נוצען מיר די אגרימענט סיסטעם פון פרייז סעטלמענט, ווי מען רופט עס די „בארגעינינג" סיסטעם.

פראגע: וואס איז די בארגעינינג סיסטעם?

ענטפער: עס איז א סיסטעם אין וועלכער דער טשערמאן און די פרייז קאמיטע קוקען איבער יעדען גארמענט און באשטימען וויפיעל צייט עס נעמט דעם אפערייטאר עס צו מאכען. נוצענדיג די מינימום פון דעם אגרימענט אדער דער שאפ סטאנדארד אויב דאס איז העכער, באשטימען זיי א פרייז. צום ביישפיעל, אויב דער דורכשניטליכער אפערייטאר אין דעם שאפ מאכט $1.20 א שעה און אויב די פרייז קאמיטע באשטימט אז עס נעמט 45 מינוטען צו אויסארבייטען א דרעס, דאן מוז די פרייז פון דער דרעס זיין ניט ווייניגער ווי 90 סענט.

פראגע: און דאן?

ענטפער: דאן לאזט דער טשערמאן וויסען דעם באלעבאס אז דאס איז דער פרייז וואס די ארבייטער ווילען פאר דעם גארמענט.

פראגע: וואס טוט מען אויב דער באלעבאס וויל ניט צושטימען צו דעם פרייז?

ענטפער: דאן הויבט מען זיך אן צו דינגען. די ארבייטער זיינען אלעמאל צופרידען צו נעמען דעם באשטימטען פרייז, אבער די באלעבאטים האבען ליעב צו דינגען זיך. אויב איהר האט צו טאן מיט אזא סארט

בריוו פון פּאַסיפישען קאָוסט

פון ראָוז פּעסאָטאַ, וויס-פּרעזידענט א. ל. וו. י.

מיין לאַנגע רייזע צום פּאַסיפישען קאָוסט האָב איך אָנגעפאַנגען אין דעצעמבער פון לעצטען יאָהר. נאַטירליך איז מיין צוועק געווען אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט.

לאָס אַנדזשעלעס איז געווען די זעלבע שטאָט וואוהין פּרעזידענט רובינסקי האָט מיך געשיקט מיט איין יאָהר צוריק צו אָרגאַניזירען די דרעססמאַכער. מיר האָבען גערופען א גענעראַל סטרייק, א פּאַסירונג וואָס וועט לאַנג ניט פאַרגעסען ווערען אין סאָוט קאַליפאָרניא. עס איז געווען מעהר א רעוואָלט צווישען די דרעססמאַכער, מייסטענס מעקסיקאַנער מיידלאַך, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרען פון די באַלעבאַטים אלס סוב, סטענדאַרד ארבייטער, זייער שלעכט באַצאָהלט און באַהאַנדעלט. און נאַטירליך, בין איך, אלס איינע פון די אָרגאַניזיערס, געווען געהאַסט און אויך באַליבט פון פילע מענשען אין אָט דער קלאַסישער שטאָט פון אָפּען שאָפּ סיסטעם, וואו מיר האָבען געהאַט די העזה צו רופען א סטרייק.

היינט צו טאָג, מיט א פאַרפעסטיגטער מיטגלידערשאַפט און מיט עטליכע גוטע אָרגאַניזיערס, מאַכט דער לאָקאַל גרויסען פאָרשריט. געפונען האָב איך די דזשאָינט באָארד הערדקוואָרטערס אין קאָכענדער אַקטיוויטעט. די פיער לאָקאַלס, האָבענדיג ערשט פאַרענדיגט זייערע וואַהלען פון עקזעקוטיוו באָארד און פון בעאַמטע, זיינען פאַרנומען געווען מיט דער איינפיהרונג פון די ניי-ערוויילטע בעאַמטע.

מיטינגס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען יעדען טאָג. די קלאָוק און דרעססמאַכער האָבען דיסקוטירט זייערע פּראָבלעמען, בילדונגס קלאַסען זיינען געהאַלטען געוואָרען יעדע וואָך; די מעקסיקאַנער אָרגאַניזאַציאָנס גרופּע האָט אָפּגעהאַלטען שפּראַכען קלאַסען. דאָס זיינען די ארבייטער פון די מיסילייניאָוס טריידס וועלכע זיינען ניט פאַרבונדען געווען מיט דעם גענעראַל סטרייק פון לעצטען יאָר.

די אַלטע יוניאָן הערדקוואָרטערס אין גאַרמענט מאַרקעט זיינען שוין צו קליין פאַר די פיער גרויסע לאָקאַלס. די יוניאָן האָט געמוזט דינגען א נייע היים אויף בראָדוויי אין דעם גאַרמענט סענטער. זיי וועלען אין גיכען זיך אריבערציהען צו דעם נייעם פּלאַץ.

אלס איינער פון די ערשטע אָרגאַניזיערס פון דער דרעססמאַכער יוניאָן, האָב איך געהאַט די עהרע צו איינסטאַלירען די עקזעקוטיוו באָארד און בעאַמטע ביי א גרויסען מיטינג. דער ניי-ערוויילטער באָארד האָט באַלד אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אַזוי נאָרמאַל, אַז מ'האָט געקענט מיינען אַז די פרויען זיינען שוין יאָהרען לאַנג מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י.

וויליאַם בוזיק איז נאָך אַלץ דער ענגלישער, און ראַפאַעל טרושיליא דער ספּאַנישער אָרגאַניזיער. בוזיק איז געווען איינער פון די אָרגאַניזיערס אין דעם גענעראַל סטרייק און טרושיליא האָט אונז אויך געהאָלפען מיט זיינע רעדעס. ביידע זיינען פיינע רעדנער.

פּאָול בערג איז דער פּיאָנער, וועלכער האָט אויפגעוועקט די דרעססמאַכער אַנצושליסען זיך מיט דער אינטערנעשאָנאַל נאָך מיט א יאָהר איידער די „ניראַ" איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס.

וויס-פּרעזידענט י. פיינבערג, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון די פּאַסיפיק קאָוסט יוניאָן אַקטיוויטיס זינט דעם גענעראַל סטרייק, האָט געפיהרט דעם מיטינג, וועלכער האָט אינסטאַלירט די בעאַמטע פון לאָקאַל 65 קלאָוקמאַכער. די פאָלגענדע זיינען די אינסטאַלירטע בעאַמטע: לואיס פיין, טשערמאַן; ה. דאַן, וויס-טשערמאַן; דזשאָ ספּרינגער, רעקאָרדינג סעקרעטער; דזש. גאָלדבערג, טרעזשורער; סעם דזשאָזעף, סאַרדזשענט-עט-אַרמס.

עקזעקוטיוו באָארד: ס. סיגעל, ס. קאָף, דזש. מאַרקס, ל. פאָקס, דזש. שוואַם, ד. באַרנסין, ע. טשאַרטי, מ. ראַבקין, מ. קיי, ס. קאָפּין, ל. קאָהען, מ. מילער, ס. סטאָלער, מ. פּאָפּאָף, ה. לעווינסאָן, ס. קאַפּלאַן, ס. ספּרינגער.

לאָקאַל 84, קאַטערס: מ. אקסעלראָד, טשערמאַן; א. האַקעל, טרעזשורער; דזש. האַס, סעקרעטער; פיליפּ האָנדמאַן, סאַרדזשענט-עט-אַרמס; ה. קאַוואַן, וויס-טשערמאַן.

עקזעקוטיוו באָארד: וועקסלער, היימאַן, קופּער, בורק, מיטסנער, ברענער, מענוסאָוו, פעלענדער.

לאָקאַל 97, פּרעסערס: באָריס סוראַסקי, טשערמאַן; ל. היימאַן, וויס-טשערמאַן; ב. גאָלבין, סעק.; ס. רינג, טרעזשורער; אירווין סקלאַר, סאַרדזשענט-עט-אַרמס.

עקזעקוטיוו באָארד: ג. פּאָלסקי, דזש. ניומאַן, פּ. ניומאַן, דזש. וויטלי, ס. מאַגיאָנע, פּ. קאָר, ד. מעלצער, דזש. זאָקוטאַ, א. קאַוואַן, דזש. וואָראָנאָף, ד. אַראָנאָוויץ, ע. גראָס, מ. האָכבערג.

דזשאָינט באָארד ביזנעס אגענטען: דזש. רוביניסטין, לאָקאַל 97; י. לוטסקי, לאָקאַל 65 און ה. סקאָט לאָקאַל 96; דזשאָינט באָארד אינסטאַלישאָנס, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פיינבערג. לואיז פיין, טשערמאַן און פּאָול בערג, סעקרעטער.

אויב דער דזשאָינט באָארד וועט זיין ערפאָלגרייך אין אויסגלייכען זייערע היימישע אומרוהיגקייטען, בין איך זיכער אַז אין די קומענדע פּאָר חדשים וועלען זיי קאָנען האַנדלען מיט די מאַנופעקטשורערס אויף אַן ענטשלאָסענעם אופן.

פון לאָס אַנדזשעלעס בין איך אוועקגעפאָרען קיין סאַן פראַנציסקאָ, וואו די צוויי לאָקאַלס האָבען שוין געהאַט עטאַבלירט א דזשאָינט באָארד.

די דרעססמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 101, אויך איינער פון מיינע קינדער, פילט זיך גאַנץ גוט אונטער דער פיהרערשאַפט פון דזשעני מאַטיאַס, וועלכע האָט א לאַנגע אַקטיווע פאַרגאַנגענהייט אין דער אַמאָליגער וויסטמאַער יוניאָן לאָקאַל 25 און פאַרשידענע אַנדערע אינסטיטוציעס. ניט לאַנג צוריק האָט פּרעזידענט דובינסקי באַשטימט מיס מאַטיאַס אלס אָרגאַניזער. די דרעססמאַכער האָבען איינסטאַלירט זייער עקזעקוטיוו באָארד.

די קלאָוקמאַכער האָבען אָפּגעהאַלטען זייערע וואַלען מיט א וואָך שפּעטער. סעמועל ווייט איז דער מענעדזשער פון דעם דזשאָינט באָארד.

די קלאָוקמאַכער פון לאָקאַל 70 פון פּאָרטלאַנד האָבען אויך אָפּגעהאַלטען זייערע וואַהלען. די פאָלגענדע זיינען ערוויילט געוואָרען: מאַנליי לאָבי, פּרעזידענט; מיני יאָרטאָן, וויס-פּרעזידענט; קיטי ראָבינסאָן, רעקאָרדינג סעקרעטער; לאַטימער יונג, סאַרדזשענט-עט-אַרמס; קליפאָרד מייער, ביזנעס אגענט. עקזעקוטיוו באָארד: דזשאָרדזש קריסטשענסאָן, מילדרעד קאַסטאַן, מרס. פּיאָוף, לין האַפּינג, בערל האַפּינג, לואיס רזשייקאָבס, מאָריס סטיינבערג, סאָול סטרינסקי, טעד וואָרענסע, קעטהרין באָוער.

דער לאָקאַל קלערט וועגען איבערציען זיך אין א גרעסערען פּלאַץ אין דעם לייבאָר טעמפּעל, וואו זיי וועלען האָבען גרעסערע מיטינג צימערן. אין די לעצטע פּאָר וואָכען איז געפיהרט געוואָרען א גרויסער קאַמפּיין צווישען די ניט-גודס ארבייטער פון די דזשענצען מילס. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסען אַז דער מאַנופעקטשורער פון דעם דזשענטצען בידינג סוט איז א באַקאַנטער פילאַנטראָפּ פון פּאָרטלאַנד און ווען דער „ניראַ" אַגענט האָט אויסגעפונען אַז דער פילאַנטראָפּ האָט פאַרלעצט דעם מינימום פון די ווידזשעס, האָט ער באַפעלט אַז די פירמע זאָל צוריקקערען דאָס געלט צו די ארבייטער. און וואָס, קלערט איהר, האָט פּאַסירט? גלויבענדיג דעם מאַנופעקטשורער פון דער מיל, האָבען אַלע געזאָגט אַז דער אַגענט איז א שוטה, און מען האָט דעם אַגענט אוועקגעשיקט אין אַן אַנדער שטאָט און דערנאָך איהם איינגאַנצען-[illegible] פאַר זיין פליסיגקייט און אויפריכטיג[illegible]

אונזער ארבייט ווערט געקרוינט מיט גרויס ערפאָלג.
אין די לעצטע דריי וואָכען אַליין האָט אונזער אָפיס אוועקגעשטעלט ארום 150 דרעס פּרעסערס צו דער ארבייט: וועמען אויף צוויי טעג א וואָך און וועמען אויף דריי. פילע פון די ארבייטסלאָזע וועלען אין די שפּעטער שוין פארבלייבען.

די גרעסטע שוועריגקייט האָבען מיר מיט די פּרעסערס, וואָס זיינען ניט קיין הונדערט פּראָצענטיגע מעקעניקס. זיי איז איצטער שווער צו באַזאָרגען מיט א פּלאַץ. די צייט איז א שלעכטע. דער סעזאָן האָט זיך הייגטיגס יאָר שטארק פארשפּעטיגט. זיבער האָט עס צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער געדריקטער עקאָנאָמישער לאגע אין לאנד. אָבער מיר האָפען, אז אזוי שנעל ווי עס וועט זיך באווייזען ארבייט וועלען מיר פּלייסען יעדען איינציגען אויך פון אָט די פּרעסערס.

מיר האָבען זיך ערשט ניט לאַנג א נעם געטאָן צו אָט דער וויטיגער ארבייט. מיר שטרעבען אין דער ווירקלעבקייט אויסצואיבען אונזער גאנצען קאָנטראָל אויף דער אינדוסטריע. צוליב דעם האָבען מיר אָנגענומען די סיסטעם פון בייטען די וואָירקינג קארדס יעדען סעזאָן. יעדער ארבייטער וועט מוזען יעדען סעזאָן ארויסנעמען א וואָירקינג קארד, אזוי ארום וועט אונזער אָפיס אקוראט וויסען וואו איינער ארבייט. קיין ארבייטער וועט ניט קענען ארויפגעהן אין א שאָפּ אָהן א וואָירקינג קארד. דער אָפיס וועט צו יעדער צייט וויסען וויפיל פּרעסער עס קענען ארבייטען אין א שאָפּ און דער עיקר וועט מען דערמיט אויסמידען, אז קיין איין דרעס פּרעסער זאָל ניט קענען פארנעמען קיין צוויי פּלעצער אין איינער און דערזעלביגער צייט.

נאָך א וויכטיגער פאַקטאָר אין שאפען מעהר ארבייט פאר די ארבייטסלאָזע, איז אונזער יונגער אָבער זייער ענערגישער אָרגאַניזיישאָן דעפּארטמענט — דער דעפּארטמענט, וואָס וואַטשט איבער אונזערע געזעצליכע ארבייטסשטונדען. אונזער אָרגאַניזיישאָן דעפּארטמענט טוט אויף זייער גוטע ארבייט.

וואַשינגטאָנ'ס בווירטהעדעי האָבען מיר דורכגעפיהרט א דעמאָנסטראַציע אין גארמענט סענטער. דאָס האָבען מיר געוואָרענט יענע, וואָס זיינען געניוגט שטילערהייט צו שעדיגען אונזערע געווינסען, אז מיר וועלען שטיין אויף דער וואַך און מיט אַלע כוחות אָפּהיטען די 35 שטונדיגע ארבייטס־וואָך און די געזעצליכע יום־טובים צו וועלכע מיר האָבען א רעכט לויט אונזער אגרימענט.

איך האָב אויבען דערמאָנט אונזערע אָפּיסערס און אונזער עקזעקוטיוו באָארד אין פארבינדונג מיט אָט דער מעטינקיים אונזערער צו לינדערען די ליידען פון די ארבייטסלאָזע, ווייל איך זיך אביסעל גענויער אָפּשטעלען אויף אָט דער טעטיגקייט.

ביי יעדען מיטינג טראָגט דער אָפיס אריין רעקאָמענדאציעס, וועלכע ווערען ברייט ארומגערעדט און דיסקוטירט און נאָכדעם ווערען זיי אָנגענומען.

אזוי האָט מען אויף די לעצטע פּאָר מיטינגען פון דער עקזעקוטיוו באָארד דיסקוטירט און אָנגענומען די פאָלגענדע רעקאָמענדאציעס פון אָפיס:

1) קיין פּרעסער זאָל ניט קענען בייטען קיין דזשאב אָהן א גענינגענדער אורזאַך.

2) ווען א פּרעסער ארבייט דריי טעג אין א שאָפּ און מען שיקט איהם ארונטער און נאָכדעם נעמט מען ארויף א צווייטען פּרעסער אויף זיין אָרט, זאָל דער אָפיס זעהן, אז דער ערשטער פּרעסער זאָל בלייבען אויף דעם דזשאב, סיידען עס איז קלאָר, אז דער ערשטער פּרעסער איז ניט פעהיג צו ארבייטען ביי דער ליין ארבייט.

3) קיין פּרעסער זאָל ניט טאָרען ארויפנעמען עמיצען אויסצולערנען פּרעסען. ווער עס וועט דאָס טאָן וועט זיכער שטרענג באַשטראָפט ווערען.

4) אויב מען איז אומצופרידען מיט די פּרייזען, מוז מען זיך גלייך פארבינדען מיט דעם אָפיס.

5) ווער עס לאָזט זיך איבערגעהן פון א באַלעבאָס און מאַכט א דעראַקשאָן און מעלדעט ניט גלייך וועגען דעם אין אָפיס, וועט באַטראַכט ווערען, ווי איינער וואָס גראָבט אונטער די קאָנדישאָנס, וועלכע מיר האָבען געוואונען נאָך אונזער שווערען קאמף, בעת אונזער גענעראל סטרייק פון 1933.

די עקזעקוטיוו באָארד האָט איינשטימיג גוטגעהייסען די רעקאָמענדאציע פון אָפיס ארויסצושיקען א ספּעציעלען בריוו צו אַלע מיטגלידער פון אונזער לאָקאל מיט א גענויער ערקלערונג וועגען אונזערע רולס, ווי אויך צו רופען אן אַלגעמיינעם מעמבער מיטינג מיט'ן צוועק געגוי צו באַשפּרעכען די גאנצע לאַגע.

אָט אזוי האָט לאָקאל 60 זיך א נעם געטאָן צום פּראָבלעם פון ארבייטסלאָזיגקייט און מיר האָפען, אז אונזער לאָזונג: „א דזשאב פאר יעדען מיטגליד פון לאָקאל 60" זאָל מיט דער צייט פארווירקליכט ווערען און אזוי ארום לינדערען די ליידען פון ארבייטסלאָזיגקייט צווישען די מיטגלידער פון אונזער לאָקאל.

א וואָרנונג פון לאָס אנדזשעלעס קלאָוק און דרעס פּרעסערס

פון בען גאָלבין,
סעקרעטער לאָקאל 97 א. ל. ג. וו. י.

די לאַגע ביי אונז איצט איז דיזעלבע ווי איבעראל — „ניטאָ קיין ארבייט פאר אַלעמען".

מיר האָבען זיך געריכט אויף א גאנץ נישקשה'דיגען סעזאָן און מיר האָבען געדענקט אז ס'וועט זיין א מאַנגעל אין ארבייטער, איבערהויפּט פּרעסערס. מיר האָבען געטראַכט, אז מיר וועלען קענען ארויסקריכען פון דעם איצטיגען קריזיס דערמיט וואָס מיר וועלען קענען באַזאָרגען אונזערע מעמבערס מיט ארבייטס־פּלעצער, און פּרעסערס וועלען זיך ניט דארפען ארומדרייען איבער די גאַסען אָדער ארומלויפען פון שאָפּ צו שאָפּ און קלאַפּען אין די טירען פאר דזשאָבס, ווי די מאָרע פּלעגט זיין ביי אונז איידער מיר האָבען געגרינדעט אונזער פּרעסער לאָקאל.

צום סוף איז די לאַגע גאָר אַנאַנדערע. אונזערע מעמבערס ווייסען איצט טאַקע אז זיי האָבען א יוניאָן און זיי הערען זיך צו צו יעדען באַשלוס אונזערען, וועלכען מיר באַשליסען. אַלס אן אָרגאַניזאַציע האַלטען מיר פאראַנטוואָרטליך יעדען מעמבער וועלכער איבערטרעט אונזערע רולס און רעגולאַציעס. אונזער קאָנטראָל, וואָס אָמבאַלאַנגט פון צוטיילען די ארבייט, און פּרייזען רעגולירען ווערט ביי אונז ביז צו א געוויסען גראַד דורכגעפיהרט מיט ערפאָלג.

ליידער קענען מיר ניט פאַרזאָרגען יעדען איינעם מיט א פּלאַץ צו ארבייטען. דער סעזאָן איז געווען א שלעכטער און פּרעסערס פון אנדערע שטעדט זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען, דיינקענדיג אז דאָ וועלען זיי קריגען הילף פאר דער ארבייטסלאָזער מגפה. צום סוף ווערען זיי ענטוישט ווען זיי קומען אַהער.

עס איז דארום די פליכט פון אונזער לאָקאל צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט און זעהן צו שאַפען ארבייט פאר די ענטוישטע און הילפלאָזע, א זאַך וועלכע עס וואָלט געווען אוממעגליך צו טאָן אָהן איין אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט.

אין דעם נאָמען פון די קלאָוק און דרעס פּרעסערס, לאָקאל 97, פון לאָס אנדזשעלעס, לאָזען מיר וויסען אַלע לאָקאַלען פון דער א. ל. ג. וו. י., אָפּצוהאַלטען איהרע מעמבערס פון צו קומען אַהער ביי דער איצטיגער צייט, ביז די לאַגע וועט זיך פארבעסערען.

מיר האָפען און גלויבען, אז די לאָקאַלען וועלען דאָס נעמען אין אמבאַטראַכט און לאָזען וויסען די מעמבערס וועגען אונזער ווענדונג.

אונזער אויפרוף צו די לאָקאַלען איז א נויטווענדיגער, און עס וועט אונז ביז א געוויסען גראַד ארויסהעלפען אָנצוגעהן מיט אונזער ארבייט וועלכע איז פאר דעם גוט און וואוילזיין פון אונזער לאָקאל בפרט און פאר דער אינטערנעשאָנאל בכלל.

ווי לאקאל 60 לייזט דעם פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט

פון **מאקס קאהן**, מענעדזשער פון לאקאל 60 א. ל. ג. וו. י.

צוריק מיט א פאר חדשים איז אין די אידישע ציי־טונגען פון ניו יארק דערשינען א ווארנונג פון דער עק־זעקוטיוו באארד פון לאקאל 60 צו אלע דרעס פרעסערס, ניט אריבערצולויפען פון איין דזשאב צום צווייטען

„אונזער וויכטיגסטע פראבלעם" איצטער", ווערט געזאגט אין יענער ווארנונג, „איז אוועקצושטעלען וואס מעהר ארבייטער אויף פלעצער".

ווי מען קען זעהן פון אט דער ווארנונג, איז די הויפט פראבלעם ביי אונז אין לאקאל — ארבייטסלאזיג־קייט. אמת, אט די פראבלעם שטייט ניט אזוי שארף ביי אונז ווי אין אנדערע לאקאלען. די צאהל ארבייטסלאזע איז פארהעלטניסמעסיג ניט אזוי גרויס ביי אונז, ווי אין אנדערע לאקאלען. דאך איז זי גרויס גענוג, אז זי זאל צוציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזער פיהרערשאפט.

ווי אזוי זשע זיינען מיר צוגעטראטען צו אט דער פראבלעם?

איך וועל מאכען א פארזוך צו באקענען די לעזער פון „גערעכטיגקייט" מיט דער מעטאדע, וואס אונזער אפיס באנוצט זיך כדי צו לינדערן די ליידען פון די ארבייטסלא־זע. איך זאג לינדערן, ווייל אינגאנצען לייזען אט די פרא־בלעם קענען מיר ליידער ניט אונטער די איצטיגע אומ־שטענדען.

ביי אונז אין לאקאל זיינען פאראן צוויי גרופען פרע־סערס, וואס ליידען פון ארבייטסלאזיגקייט. אין דער ער־שטער גרופע גייען אריין אזוינע ארבייטער, וועמעס באַ־לעבאַטים האבען אויפגעגעבען זייערע שעפער. צווישען די אויפגעגעבענע שעפער זיינען געווען גאנץ היבשע, אזעלכע, וואו עס זיינען געשטאנען אכט און צעהן פרעסערס און האבען געמאכט א לעבען. געווען צווישען זיי אויך קלע־נערע שעפער, וואו עס האבען געארבייט צוויי אדער דריי פרעסערס.

די צווייטע גרופע באשטייט פון פרעסערס, וואס זיי־נען אריינגעקומען צו אונז אין דער יוניאן דורך דער אדער יענער אורזאך — מעהרסטענס ניט קיין מעקעניקס אין טרייד.

און אונזער אפיס האט זיך גענומען אויף א סיסטע־מאטישען אופן ארויסצוהעלפען אט די אלע ארבייטסלאזע.

צוערשט האבען מיר ארויסגעלאזען דעם לאזונג: יעדער מיטגליד פון לאקאל 60 מוז האבען א דזשאב און יעדער מיטגליד, וואס שטייט אויף א דזשאב דארף דערין העלפען!" אט דער לאזונג האט געשלאגען טיפע ווארצלען צווישען אונזערע מיטגלידער. עס איז אוועק אזוי ווייט, אז פילע פון אונזערע מיטגלידער רופען זיך אליין ארויס צו געבען אן ארבייטסלאזען א טאג ארבייט. און כאטש אין די שעפער איז איצט פאראן זעהר ווייניג ארבייט, פונ־דעסטוועגען זיינען ביי אונז פאראן פרעסערס, וואס סטא־פען אליין אפ א טאג, כדי צו געבען אן ארבייטסלאזען א מעגליכקייט צו מאכען כאטש איין טאג ארבייט א וואך.

מיר האבען זיך א נעם געטאן צו דער ארבייט, צו לייזען טיילווייז כאטש דעם ארבייטסלאזען פראבלעם און מיר האפען מאקע אינגיכען דורכפיהרען דעם לאזונג אונ־זערען אין ווירקליכען לעבען.

אונזער גאנצער סטעף אפיסערס, אונזער טשערמאן און די גאנצע עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל, האבען זיך מיט ליב און לעבען אריינגעווארפען אין אט דער ארבייט. צוערשט, ווי מיר האבען שוין אויבען דערמאנט, האבען מיר צוריק מיט צוויי חדשים ארויסגעלאזט א ווער־נונג צו די דרעס פרעסערס ניט אריבערצולויפען פון איין דזשאב אויפ'ן צווייטען. וואס האבען מיר מיט דער ווער־נונג באצוועקט? דזשאבס פאר ארבייטסלאזע.

געוויינליך פלעגט זיין אזוי:

פרעסערס וואס זיינען געשטאנען אויף א דזשאב און ס'איז געווארען ווייניג ארבייט ביי זיי אין שאפ, פלעגען זיי ארויסשיקען איינעם אדער צוויי פון זייערע פארטנערס צו מאכען א דזשאב אין אן אנדער שאפ. און ס'איז אויס־געקומען, אז דער וואס האט געהאט א פלאץ האט אין דער זעלביגער צייט פארנומען נאך א פלאץ.

מיט דער ווארנונג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד ווילען מיר אפשאפען דעם איבעל אז איין מענש זאל קענען פארנעמען צוויי דזשאבס, און אזוי ארום שאפען א מעגליכקייט פאר ארבייטסלאזע צו קריגען אביסעל ארבייט.

אבער מיט דעם ווארנונג האבען מיר זיך ניט אפ־געשטעלט. מיר האבען אין די לעצטע פאר חדשים זיך גענומען ארגאניזירען די זאך אויף גאר א ברייטען שטי־גער, און מיר וועלען ניט לאזען א שטיין אויף א שטיין ביז מיר וועלען אונזער ציעל ניט דורכפיהרען.

מיר רופען אין אפיס פון אונזער לאקאל יעדען טאג צעהנדליגער מיטינגען, ניט בלויז פון איינציגע שעפער, נאר פון גאנצע גרופען שעפער, וועלכע ארבייטען פאר איין דזשאבער. מיר שיסען דערביי צוויי האזען מיט איין שאס. מיר קאנטראלירען דורך דעם די פארדינסטען פון די פרע־סערס. מיר זעהען, אז אין קיין שאפ זאל ניט נעגעבען ווע־רען קיין רעדאקשאן און אין דער זעלביגער צייט ווערען מיר געוואהר וואו עס איז פאראן א מעגליכקייט אריינצו־שטעלען נאך א פרעסער — סטעדי אדער בלויז אויף צוויי טעג, אדער צום ווייניגסטען אויף איין טאג אין דער וואך.

באלעבאס איז בעסער אז איהר זאלט שטעלען דעם פרייז אביסעל העכער; דאן קאן דער באלעבאס זיך אמוזירען מיט דינגען זיך אהן שאדען צו אייערע פארדינסטען.

פראגע: אבער וואס טוט מען אויב נאך דעם דינ־גען זיך קען מען ניט קומען צו א באשלוס?

ענטפער: דאן באזארגט אייך דער אגרימענט מיט א פראבע.

די פראבע פון דעם גארמענט

פראגע: וואס איז די פראבע?

ענטפער: די פראבע איז דער מיטעל דורך וועלכען מען קען באשטימען די צייט וואס עס נעמט צו מאכען א גארמענט דורך ווירקליך מאכען עס.

פראגע: ווי, אזוי פיהרט מען עס דורך?

ענטפער: די פרייז קאמיטע און דער באלעבאס שטימען איין אויף א געוויסען אפערייטאר אין דעם שאפ אלס דער פראבע־מאן. דורך אן אונטערזוכונג פון זיינע פריהערדיגע פארדינסטען געפינען זיי אויס וויפיל ער פארדינט אין איין שעה. דאן נעמט ער א באנדעל אר־בייט און מאכט עס אויף און די ארבייטס־צייט ווערט פארצייכענט. אויב, צום ביישפיל, ער פארדינט $1.20 א שעה און באדארף 30 מינוט אויפצומאכען א דרעס, דאן שטעלט מען דעם פרייז אויף 60 סענט.

פראגע: וואס טוט מען אויב די פרייז קאמיטע איז וויליג געווען צו מאכען די דרעס פאר פופציג סענט און דער באלעבאס וויל ניט איינשטימען?

ענטפער: אויב א פראבע איז געמאכט און דער פרייז איז 60 סענט, דאן מוז דער באלעבאס צאהלען 60 סענט אפילו אויב די פרייז קאמיטע וואלט גענומען ווייניגער. דאס זעלבע איז אויך ריכטיג אין א פאר־קערטען פאל.

פראגע: אויב די פרייז קאמיטע און דער באלעבאס שטימען איין אויף א פראבע־מאן אבער קענען ניט איינ־שטימען אויף דער שעה־פרייז, וואס טוט מען?

ענטפער: דדער אגרימענט באזארגט אזא פאל. אבער עס איז א טיף־פארוויקעלטע פראגע און אויב אזא זאך פאסירט אין אייער שאפ, קומט צו דעם יוניאן אפיס און פארצייכענט די פראבלעם. אייער ביזנעס אגענט וועט דאן קומען צום שאפ און וועט די זאך אויפלייזען.

N Y Pub Library
42 St & 5 Ave

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XVII. No. 4. Jersey City, N. J., April, 1935 Price 10 Cents

א פרילינג־ליד

פון
מאני לייב

אין די ענגע ווענט פון שטאָט,
אין גערודער, מי און נויט,
עפּעס בלענדט אַ נייער שיין,
און אַ נייער ווינטל וועהט,
און אַ נייער פרייער רוף
געהט אויף אַלעמען פאַרשפּרייט.

ברידער, אין די ווענט פון שטיין,
פרילינג, פרילינג קומט צו געהן!

פרילינג קומט פאַר גאַר דער וועלט
און פאַר אַלעמען צוגלייך:
פאַר דעם פייגל, פאַר דעם בוים,
פאַר דער חיה, פאַר דעם טייך;
און פאַר אַלעמען וואָס לעבט,
איז דען פרילינג ניט פאַר אייך?

נאָר פאַר טויטען ביידגעביין
קומט קיין פרילינג ניט צוגעהן!

— נייער ווינטל איז פאַר אונז?
און פאַר אונז דער נייער שיין?
און צו אונז אין ענגע ווענט
זאָל דער פרייער רוף אַריין?
איז דער פרילינג אויך פאַר אונז? —
זאָל דאָס טאַקע אמת זיין?

ברידער, פרילינג קומט צוגעהן
אויך אין ענגע ווענט פון שטיין!

אָבער איר, אין ענגע ווענט,
אין דער מידקייט הערט איר ניט
אייער הייסען זאַפט פון קראַפט
אין געשלאָגענעם געמיט,
ווי די שטראָמען ווינטער צייט
אונטער אייז און שניי געשמידט.

נאָר דער אייז — ער ברעכט אַליין
ווען דער פרילינג קומט צוגעהן!

און איר זייט ווי שטראָמען גלייך
אונטער אייז און אונטער שניי;
וואָס זשע אין די פרילינג טעג
ברויזט איר ניט אַזוי ווי זיי? —
צו דער פריי, צו אייער פריי,
פול מיט פרייען פרייד־געשריי?

ברידער, אין די ווענט פון שטיין,
א י י ע ר פרילינג קומט אַליין!

ניו יארקער קלאוקמאכער־יוניאן נעמט אויף די סטרייק־ארויספאדערונג פון קלאוק־באלעבאטים

די יוניאן מאביליזירט אלע איהרע כחות צום קאמף און שאפט ריזיגען סטרייק־פאנד

אויף א מיטינג פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע ניו יארקער קלאוק מאכער לאקאלס, וואס איז פאר־געקומען מאנטאג אווענט, דעם 4טען מערץ, אין בעטהאווען האל, האט די ניו יארקער קלאוק מאכער יוניאן איינשטי־מיג באשלאסען צו מאביליזירען אלע איהרע כחות צום קאמף מיט די באלעבאטים פון דער קלאוק אינדוסטריע, אויב זיי וועלען באשטעהן אויף זייער אנטשלוס נים אונ־טערצושרייבען א נייעם אגרימענט מיט דער יוניאן ווען דער איצטיגער אגרימענט וועט אויסגעהן.

דער מיטינג, וועלכער איז געווען באזוכט פון אלע עקזעקוטיוו מיטגלידער, פון אלע דעלעגאטען צו דער דזש. באארד, פון אלע יוניאן באאמטע און פון א גרויסע צאהל אקטיווע יוניאן טוער, האט באשלאסען צו שאפען א פאר־טיידיגונגס פאנד געגען אנגריף פון די באלעבאטים און זיך צו באווארענען אז די באלעבאטים זאלען נים קענען אויסארבייטען סעמפעלס פאר דעם פאל סיזאן ביז די יוניאן וועט דאצו געבען איהר צושטימונג.

צו דיזען צוועק האט דער מיטינג איינשטימיג און מיט גרויס ענטוזיאזם אנגענומען פאלגענדע רעקאמענדא־ציעס, וואס זיינען פריהער אויסגעארבייט געווארען פון דער באארד אוו דירעקטארס.

די רעקאמענדאציעס זיינען:

1) א טעקס פון 10 דאלאר אויף יעדען מעמבער פאר א סטרייק פאנד. דער טעקס זאל איינגעצאהלט ווערען אין משך פון זעקס וואכען.

2) אינסטרואירען אלע באאמטע און שאפ־טשערליים אז זיי זאלען שטרענג אכטונג געבען, אז קיינע סעמפעלס פאר דעם נעקסטען פאל סעזאן זאלען נים געמאכט ווערען אין די קלאוק שעפער ביז די יוניאן וועט נים געבען קיין ערלויבניש צו דעם.

א באגייסטערטע דעמאנסטראציע איז ביים מיטינג פארגעקומען ווען שאפ־טשערמאן סעם טאפעל, פון קענזער און גלאווינסקי'ס שאפ, 240 וועסט 37טע סטריט, וואו עס ארבייטען 90 ארבייטער, האט זיך אויפגעשטעלט און ערקלערט אז די ארבייטער פון שאפ, לייענענדיג אין די צייטונגען זונטאג, אז עס קען קומען צו א סטרייק מיט די באלעבאטים און אז די יוניאן האט באשלאסען צו שאפען א סטרייק פאנד פון א האלבען מיליאן דאלאר, האבען גלייך נעכטען געשאפען 450 דאלאר פאר'ן פאנד. די מעל־דונג פון שאפ־טשערמאן האט ארויסגערופען הילכיגע אפ־לאדיסמענטען.

פרעזידענט דובינסקי האט גענומוזט פלוצים אפפאהרען קיין וואשינגטאן אין זייער וויכטיגע יוניאן אנגעלעגענ־הייטען און ברודער איזידאר נאגלער איז געווען דער איינ־ציגער רעדנער. אין א גלענצענדער רעדע, וועלכע האט גע־דויערט איבער א שטונדע, האט ער געגעבען א גרינדלי־כען איבערבליק און אנאליז פון דער לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע מיט צוויי יאהר צוריק און איצט. ער האט אנגעוויזען ווי אזוי פאר צוויי יאהרען, איידער ס'איז אונ־טערגעשריבען געווארען דער איצטיגער אגרימענט, וואס האט די פונקטען פון לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס און פאראנטווארטליכקייט פון די דזשאבערס פאר די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער פון זייערע קאנטראקטארס — פונקטען, פאר וועלכע די יוניאן האט יאהרען־לאנג גע־קעמפט, האט אין דער אינדוסטריע געהערשט כאאס, האלז־שנידענדע קאנקורענץ, א הפקר־צושטאנד און סוועט־שאפ באדינגונגען. איצט זיינען אט די איבלען, א דאנק דעם איצטיגען אגרימענט, אפגעשאפט געווארען. ער האט אויך אנגעוויזען ווי אזוי די דזשאבערס, ווי אויך די קאנטראק־טארס, טוען אלץ אין דער וועלט, ווענדען אן אלע טריקס און שטר־שטיק אט דעם לימיטיישאן פונקט אונטערצוגרא־בען און אפשאפען. די יוניאן שטעהט אבער ווי א פעלז און דערלאזט נים די דזשאבערס און קאנטראקטארס דאס צו טאן. יעדער פארזוך פון די בעלי בתים אפצושוואכען דעם אגרימענט, איז באגעגענט געווארען מיט א העפטיגען ווידערשטאנד מצד דער יוניאן.

„די דזשאבערס — האט נאגלער געזאגט — רופען זיך מוירטשענטס. אבער דער נאמען משיזלערס פאסט זיך צו זיי גיכער ווי מוירטשענטס. ביי די קאנטראקטארס, ווידער, איז פאראן א גרופע, וואס זיינען פריהער געווען פיוואר־ריטס ביי די דזשאבערס. זיי האבען געקראגען די גאנצע ארבייט, די בעסטע ארדערס, און איצט מוזען זיי זיך טיי־לען מיט דער ארבייט מיט אנדערע קאנטראקטארס. קענען זיי עס נים פארלײדען און זוכען צו אונטערגראבען דעם פונקט פון לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס.

„די יוניאן" — האט נאגלער געזאגט — וועט אבער נים צולאזען אט די גרופע פון אומפאראנטווארטליכע קאנ־טראקטארס און דזשאבערס ווידער אריינצוווארפען די אינדוסטריע אין א כאאס און אונטער סוועט־שאפ באדינ־גונגען. מיין האנט וועט נים אונטערשרייבען קיין אגרי־מענט אהן לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס און אהן דעם פונקט, אז די דזשאבערס זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער פון זייערע קאנט־ראקטארס!" — האט נאגלער אויסגערופען אונטער א שטורם פון אפלאדיסמענטען.

אורטיילענדיג לויט דעם גייסט וואס האט געהערשט ביים מיטינג, איז לייכט פאראויסצוזאגען, אז אלע קלאוק מאכער וועלען ווי איין מאן שנעל איינצאהלען דעם סטרייק טעקס און וועלען שטעהן אויף דער וואך צו היטען זייערע אינטערעסען.

דאנק־רעזאלוציע

מיר, די ארבייטער פון שיפמאן און בייקער, 500 זי־בעטע עוועניו, פארזאמעלט ביי א מיטינג אין דזשאינט באארד אפיס, האבען איינשטימיג באשלאסען אנצונעמען די פאלגענדע רעזאלוציע:

אין אנבאטראכט, דאס ברודער רזש. וויינשטיין, וועל־כער איז געווען אונזער טשערמאן פאר די לעצטע 4 יאהר ביז ענדע 1934, האט געלייסטעט זיין דינסט פאר'ן שאפ איבערגעגעבען און געטריי, און

אין אנבאטראכט אז אונטער זיין פיהרערשאפט איז אונזער שאפ געווען א מוסטער פאר אלע יוניאן שעפער;

זיי עס באשלאסען אויסצודריקען אונזער צופרידענהייט און דאנקבארקייט צו איהם דורך פרעזענטירען איהם מיט ווערטהפולע מתנות — א ריסט־וואטש און א פאונטעין־פען. מיר ווינשען אז ער זאל עס נוצען געזונטערהייט און האפען אז ער וועט ווייטער פארטזעצען זיין גוטע ארבייט פאר'ן שאפ און פאר דער יוניאן אין אלגעמיין, ווי ער האט עס געטאן ביז איצט.

גלייכצייטיג, ווילען מיר אויסדריקען אונזער דאנק־בארקייט צום ביזנעס אגענט, ברודער מ. ל. גארדאן, פאר זיין פינקטליכקייט אין אטענדען צו אונזערע פראגען אין שאפ.

א ספעציעלען דאנק ווילען מיר געבען צום מענעדזשער פון לאקאל 1, ברודער לואיס ליווי, וועלכער האט באקר־מען העכערונגען אין ווידזשעס פאר די נייע ארבייטער אין שאפ און פאר זיין גרייטקייט צו דינען די אפערייטארס בפרט און די קלאוקמאכער אין אלגעמיין.

די קאמיטע

מש. לאסקאוויטש, טשערמאן, לאק. 1.

ל. ראזענאוויטש, לאקאל 1. י. פאראר, לאקאל 9.

מ. מארקמאן, לאקאל 1. ב. יעלין, לאקאל 35.